STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05193

1000 TSHERVONTSES

Nikolai Vasilevich Gogol

Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. Michael A. Klein
in memory of
Jerome W. Glowitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. וו. גאָגאָל

1000 טשערוואָנצעס

(דער פּאָרטרעט)

דאַרציילונג

ייִדיש: פּ. באָרענשטיין

פאַרלאַג מ. גאָלדפאַרב
וואַרשע 1931

Druk. B-ci FEDER, Franciszkańska 6

אין ערגעץ האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אַזאַ גרויסער עולם,
ווי פאַר דער בילדער-קראָם אויף שטשוקינס הויף. דאָסדאָזיקע
קרעמל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט עפּעס ענלעכעס צו אַ זאַמ-
לונג פון פאַרשידנאַרטיקע חדושים. די בילדער זענען צום גרעסטן
טייל געווען געמאָלן מיט אייל-פאַרבן, איבערגעצויגן מיט אַ טונקל-
גרינעם לאַקיר, אין טונקל-געלע, גאָלדענע ראַמען. אַ ווינטער מיט
ווייסע ביימער, אַ פולשטענדיק רויטער אָוונט, ענלעך אויף דעם
אָפּשיין פון אַ שרפה, אַ פלעמישער פויער מיט אַ פּיפּקע אין מויל
און מיט אַ צעבראָכענער האַנט, מער ענלעך צו אַן אינדישן האָן
אין מאַנזשעטן איידער צו אַ מענטש, — זיי אַזעלכע זענען גע-
וויינלעך זייערע סוזשעטן. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן עטלעכע
גראַוויר-שילדערונגען: אַ פּאָרטרעט פון כאָזרעוו-מירזאַ אין אַ באַ-
ראַשקענעם היטל, פּאָרטרעטן פון אומבאַקאַנטע גענעראַלן אין
דרייעקיקע היטלען מיט קרומע נעז. אַ חוץ דעם, ווערן די טירן
פון אַזאַ קרעמל, געוויינלעך, אַרומגעהאָנגען מיט פאַרשידענע
רעפּראָדוקציעס, געדרוקטע אויף גרויסע פּאַפּיר-בויגנס, וואָס האָבן
עדות-געזאָגט אויף דער ספּעציפישער באַגאַבונג פון רוסישן מענטש.
אויף איין בויגן איז געווען די קיניגין מיליקטריסאַ קירביטיעוונאַ,
אויף אַ צווייטן די שטאָט ירושלים, ווו די רויטע פאַרב האָט זיך
אָן צערעמאָניעס אַריבערגעכאַפּט איבער די הייזער און קירכן און
פאַרנומען אַ שטח ערד, און צוויי פויערן אין הענטשקעס, וואָס האָבן
מתפלל געווען. אויף דידאָזיקע שאַפונגען זענען געוויינלעך קיין

סך קונים נישט פאַראַן, דערפאַר אָבער צוקוקער — אַ מענגע.
עס גענעצט מסתמה פאַר זיי אַ פוילער לאָקיי, טראַגנדיק אין האַנט
די שיסעלעך מיטן מיטאָג פון רעסטאָראַן פאַר זיין באַלעבאָס,
וועלכער וועט שוין אָן ספק עסן די זופּ, נישט איבעריק קיין הייסע.
עס שטייט פאַר זיי זיכער אַ סאָלדאַט אין זיין שינעל, דער אַנגע-
זעענסטער גאַסט אויפן אַלטן מאַרק, וועלכער האָט צו פאַרקויפן
אַ פאָר אויסגעשאַרפטע מעסערלעך; אַ הענדלערקע פון אָכטענקע
(אַ פאָרשטאָט אין פעטערבורג) מיט אַן אָנגעפולט שאַכטל שיכלעך.
יעטווועדער אַנטציקט זיך לויט זיין השגה: די פויערן בעווייזלעך
טייטלען מיט די פינגער; די קאַוואַלערן באַטראַכטן מיט אַן ערנסט;
די לאָקייען, משרתימלעך און ייִנגלעך-באַלמעלאָכעס קוועלן אָן און
רייצן איינער דעם צווייטן מיט די אויפגעצייכנטע קאַריקאַטורן;
די אַלטע לאָקייען אָנגעטועטע אין די פריזן-שינעלן זעען נאָר
אויסן מיט זייער קוקן, כדי ערגעץ-ווו צו גענעצן; און די הענד-
לערקעס, יונגע רוסישע באַבעס, קוקן אינסטינקטיוו און מיט אַ כיוון,
כדי צו הערן, וועגן וואָס דער עולם שמועסט און צו קוקן אויף
וואָס ער קוקט.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך נישט ווילנדיק אָפּגעשטעלט
פאַר דערדאָזיקער קראָם דער יונגער מאָלער טשאַרטקאָוו. דער אַל-
טער פאַלטאָ און דער אָפּגעטראָגענער אַנצוג האָבן עדות געזאָגט
אויף אַ מענטש, וואָס האָט זיך אַליין מבטל געמאַכט, זייענדיק אי-
בערגעגעבן זיין אַרבעט, וועלכער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו
זאָרגן וועגן זיין עלעגאַנץ, וואָס האָט אייביק געהאַט אַזאַ געהיימע
צוציונגס-קראַפט פאַר דער יוגנט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר
דער קראָם און לכתחילה אין זיך געלאַכט איבער דידאָזיקע
פאַרקריפּלטע בילדער. לסוף האָט אים באַהערשט אַ נישט-גערנווי-
ליק נאָכדענקען: ער האָט אָנגעהויבן נאָכצוטראַכטן וועגן דעם, פאַר
וועמען איז עס נייטיק אַזעלכע שאַפונגען. אַז דער רוסישער המון
שטעלט זיך אָפּ קוקן אויף יערוסלאַנאָוו לאַזאַרע-
וויטשן, אויף פרעסמאַגען און זויפּמאַגען, אויף

פּאָמען און יערעמיען, איז עס אים קיין חידוש נישט: דידאַקטישע שילדערונגען זענען געווען זייער צוגעגנגלעך און פאַרשטענדלעך דעם המון. נאָר ווער זאָלן עס זיין די קונים אויף דידאַקטישע בונטע, שמוציקע אייל־מאָלערייען? ווער באַדאַרף עס די פּלעמישע פּויערן, די רויטע און בלויע פּייזאַזשן, וועלכע ווייזן עפּעס אַ רמז אויף אַ ביסל שוין אַ העכערע מדרגה פון קונסט, אָבער אין וועלכע עס האָט זיך אויסגעדריקט זייער גאַנצע טיפע שפּלדיקייט? דאָ, האָט זיך געדאַכט, זענען לגמרי נישט געווען די אַרבעטן פון קינדער־אַמאַטאָרן; אַ נישט, וואָלט פון זיי, באַ דער גאַנצער געפּיללאָזער, קאַריקאַטורישער גאַנצקייט, זיך אַרויסגעריסן זייער שאַרפער דראַנג. נאָר דאָ איז קענטיק געווען, פּשוט, טעמפּקייט, אומקרעפּטיקע באַגאַבטלאָזיקייט, וואָס איז אַליינבאַרעכטיקט געשטאַנען אין די רייען פון קונסט, בשעת איר אָרט איז געווען צווישן די נידריקע מלאכות, — באַגאַבטלאָזיקייט, וואָס איז, פונדעסטוועגן, געווען טריי איר באַרוף און אַריינגעטראָגן אינם תוך פון קונסט איר מלאכה. די זעלבע פאַרבן, דער זעלבער מאַניער, די זעלבע איינגעאיבטע האַנט, האָט גיכער באַלאַנגט צו אַ גראָב־געמאַכטן אויטאָמאַט, איידער צו אַ מענטש.

לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען פאַר דידאַקטישע שמוציקע בילדער און שוין לסוף אפילו נישט געטראַכט לגמרי וועגן זיי. דערווייל האָט דער באַלעבאָס פון דער קראָם, אַ גרוי מענטשל, אין אַ פּאַלטאָ מיט אַ פּריזע, מיט אַ באָרד, אוודאי נישט געגאָלט שוין פון אַ וואָך צייט, לאַנג שוין אים געשפּויסן, אונטערגעהאַנדלט, געדונגען זיך מיט דעם מקח, נישט וויסנדיק נאָך, וואָס אים געפעלט און וואָס ער באַדאַרף.

— אָט פאַר דידאַקטישע פּויערן און פאַר דעמדאַקטישן לאַנדשאַפטשיק וועל איך נעמען אַ ווייסינקעס. וואָס פאַר אַ קונסט־ווערק! עס שלאָגט פּשוט אין די אויגן אַריין; נאָר־וואָס דערהאַלטן פון דער בערזע: דער לאַקיר האָט זיך נאָך נישט אויסגעטריקנט. אָדער אָט אַ ווינטער, — נעמט דעם ווינטער! פּופּצען רובל! די ראַם

אַליין וואָס קאָסט! אַט וואָס פאַר אַ ווינטער! — דאָ האָט דער סוחר געגעבן אַ לייכטן שנעל איבער דער לייוונט, מסתמא, כּדי צו ווייזן דאָס גאַנצע גוטסקייט פון דעם ווינטער. — באַפעלט איר זיי צוזאַמען צו פאַרפּאַקן און אייך נאָכצוטראָגן? ווו באַווייליקט איר צו וווינען? העי, קליינער! דערלאַנג אַ שטריקל!

— שטיי, ברודער, אייל זיך נישט אַזוי, — האָט דער צו־זיך־קומענדיקער מאָלער אַ זאָג געטון, זעענדיק, אַז דער פלינקער סוחר האָט נישט אויף קיין קאַטאָוועס זיך אַ נעם געטון זיי צוזאַמענבינדן. עס איז אים געוואָרן אַ ביסל געוויסנהאַפט, אָפּשטייענדיק אַזוי לאַנג אין דער קראָם, נישט צו נעמען גאָרנישט און ער האָט אַ זאָג געטון: — נו, וואַרט־צו, איך וועל אַ קוק טון, צי איז עפּעס נישט פאַראַן וואָס־דאָ פאַר מיינעטוועגן; — און, אָראָפּ־בייגנדיק זיך, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצושלעפּן פון די מענגע אויף דער ערד אָנגעוואָרפענע בילדער, אָפּגעריבענע, פאַרשטויבטע אַלטע מאָלערייען, וואָס האָבן, משמעות, נישט זוכה געווען דאָ צו איבעריקן כּבוד. דאָ זענען געווען אַלטע פאַמיליען־פּאָרטרעטן, וועמענס יורשים, קאָן זיין, מען האָט אויף דער וועלט נישט געקאָנט אָפּזוכן; לגמרי אומבאַקאַנטע געשטאַלטן מיט דורכגעריסענע לייוונטן; רעמלעך באַרויבטע פון זייער גילדונג; מיט איין וואָרט, אַלטע שמאַטעס. נאָר דער מאָלער האָט זיי גענומען דורכקוקן, טראַכטנדיק אין געהיים: „אפשר וועט זיך דאָך עפּעס־וואָס אויסזוכן". ער האָט נישט איינמאָל געהערט דערציילן וועגן דעם, ווי מאַנכעס מאָל, זענען בײַ די הענדלער פון ביליקע בילדער, אויסגעזוכט געוואָרן צווישן דעם מיסט, בילדער פון גרויסע מייסטער.

דער קרעמער, זעענדיק, וווהין ער איז פאַרקראָכן, האָט צו־רו געלאָזט זיין באַרעדעוודיקייט און אָננעמענדיק זיין געוויינלעכע שטעלונג און חשיבות, אויפסניי זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער טיר, אַריינרופנדיק די דורכגייער און ווייזנדיק זיי מיט איין האַנט אויף זיין קראָם:

— דאָ אַהער, פּאַטערל! אָט זענען בילדער! קומט אַריין, קומט אַריין; נאָר-וואָס פון דער בערזע דערהאַלטן.

ער האָט זיך אָן אַ שיעור אָנגעשריגן און ס'רוב אָן דערפאָלג; דורכגעפלוידערט זיך צו דער זעט מיטן קצב, וועלכער איז געשטאַנען קעגנאיבער אים, אויך באַ דער טיר פון זיין קרעמל, און לסוף, דערמאַנענדיק זיך, אַז באַ אים אין דער קראָם איז פאַראַן אַ קונה, האָט ער זיך אַ דריי אויס געטון מיט דער פלייצע צום עולם און אַריין אינעווייניק:

— נו, וואָס, פּאַטערל, אויסגעקליבן עפּעס?

נאָר דער מאָלער איז שוין געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע אומבאַוועגלעך פאַר אַ פּאָרטרעט אין אַ גרויסער, אַמאָל הערלעכער ראַם, אויף וועלכער עס האָט איצטער עטוואָס-נאָר געגלאַנצט די שפּורן פון גאָלד-פאַרב.

דאָס איז געווען אַן אַלטער מאַן מיט אַ פּנים פון בראָנזקאָליר, אַ קנאָכיקער, אַ מאָגערער; די שטריכן אויפן פּנים זענען, משמעות, געווען אויפגעכאַפּט אין אַ מינוט פון קראַמפּהאַפטער באַוועגונג און עס האָט זיך אויף זיי אָפּגעשפּיגלט נישט די דרוםקראַפט; דער פלאַמענדיקער צפון איז געווען אין זיי אויסגעדריקט. ער איז געווען דראַפּירט אין אַ ברייטן, אַזיאַטישן קאָסטיום. ווי צעשעדיקט און פאַרשטויבט דער פּאָרטרעט איז נישט געווען, אָבער ווי נאָר עס האָט זיך אים איינגעגעבן אָפּצורייניקן פון פּנים דעם שטויב, האָט ער דערזעען שפּורן פון דער אַרבעט פון אַ גרויסן קינסטלער. דער פּאָרטרעט, ווייזט אויס, איז געווען נישט קיין פאַרענדיקטער, אָבער די קראַפט פונם פּענזל האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. אויסערגעוויינלעכער פון אַלץ זענען געווען די אויגן: עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע קראַפט פון פּענזל און זיין גאַנצע זאָרגפעלטיקייט האָט דערויף פאַרנוצט דער מאָלער. זיי האָבן גלייך געקוקט. די האָבן אפילו געקוקט גופא פון פּאָרטרעט אַרויס, ווי זיי וואָלטן צעשטערט זיין האַרמאָניע מיט זייער משונהדיקער לעבעדיקייט. ווען ער האָט דעם פּאָרטרעט צוגעטראָגן צו דער טיר,

האָבן די אויגן נאָך שטאַרקער געקוקט. כמעט דעם זעלבן רושם האָבן זיי געמאַכט באַם המון. אַ פרוי, וועלכע איז געבליבן שטיין הינטער אים, האָט אַ געשריי אויס געטון:

— ער קוקט, ער קוקט! — און הינטערווייַלעכץ זיך צוריקגעצויגן.

עפּעס אומאָנגענעמס, וואָס איז פאַר זיך אַליין אומפאַרשטענד־לעך האָט ער דערפילט דערביי און צוריק אַוועקגעשטעלט דעם פּאָר־טרעט אויף דער ערד.

— נו, וואָס, נעמט איר דעם פּאָרטרעט? — האָט דער באַ־לעבאָס געפרעגט.

— וויפיל ווילט איר פאַר אים? — האָט דער מאָלער געפרעגט.

— וואָס וועל איך אייך דאָ אָנבאָטן? דריי פערטעלעך גיט אהער!

— ניין, אַזויפיל וועל איך נישט געבן.

— נו, וויפיל־זשע גיט איר?

— אַ צוויי־גריוועניק, — האָט אַ זאָג געטון דער מאָלער, גרייטנדיק זיך אַוועקצוגיין.

— אַ שיינעם פּרייז האָט איר אָנגעבאָטן! פאַר אַ צווייגרי־וועניק וועט איר דאָך די ראָם אַליין נישט קויפן! ווייזט אויס, איר גרייט אייך אים מאָרגן צו קויפן... הער, הער, קומט נאָר אַריין! דאַרפט־צו כאָטש אַ גריוועניק. נו, נעמט, נעמט, גיט אַהער אַ צוויי־גריוועניק. כ׳לעבן, פאַר אַ פּאָטשאָנטעק נאָר; אָט נאָר דערפאַר, ווייל דער ערשטער קונה. — נאָכדעם האָט ער געמאַכט אַ זשעסט מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט כלומרשט געזאָגט: „אַזוי בלייבט עס שוין, קאַפּוט דאָס בילד!“

אויף אַזאַ אופן האָט טשאַרטקאָוו לגמרי אומדערוואַרטעט גע־קויפט אַן אַלטן פּאָרטרעט און אין דער זעלבער צייט זיך גע־טראַכט: „נאָך וואָס האָב איך אים געקויפט? צו וואָס באַדאַרף איך אים?“ נאָר עס איז שוין גאָרנישט געווען צו מאַכן. ער האָט

אַרויסגענומען פֿון טאַש אַ צווייגריוועניק, אַוועקגעגעבן דעם קרעמער, גענומען דעם פּאָרטרעט אונטערן אָרעם און געשלעפּט אים מיט זיך. איבערן וועג האָט ער זיך דערמאַנט, אַז דער צווייגריוועניק, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן איז געווען באַ אים דער לעצטער. די רעיונות האָבן זיך פֿלוצלינג באַ אים פֿאַרכמורעט, אַ פֿאַרדראָס און אַ גלייכגילטיקע פּוסטקייט האָבן אים אין דערדאָזיקער מינוט אַרומגענומען.

— כאַפּט עס דער טייוול! אַ פּאַסקודנע וועלט! — האָט ער אַ זאָג געטון מיט דעם געפֿיל פֿון אַ רוס, באַ וועלכן די געשעפֿטן שטייען נישט פֿויגלדיק און כמעט אויטאָמאַטיש האָט ער געשפּאַנט מיט שנעלע טריט, פֿול מיט גלייכגילטיקייט צו אַלעמען. דאָס רויטע ליכט פֿון אָוונט־שיין איז נאָך איבערגעבליבן אויף אַ האַלבן הימל. די הייזער, וועלכע זענען געווען געווענדט צו יענער זייט, זענען קוים באַלויכטן געוואָרן מיט איר וואַרימער ליכט; גלייכצייטיק האָט שוין די קאַלטע בלוילעכע שיין פֿון דער לבנה געשטעלט זיך שטאַרקער. האַלב־דורכזיכטיקע, לייכטע שאָטנס זענען ווי ווידלען געפֿאַלן אויף דער ערד, וואָס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן פֿון די הייזער און די פֿיס פֿון די שפּאַצירנדע. דער מאָלער האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז זיך איינצוקוקן אין הימל, וואָס איז באַלויכטן געווען מיט עפּעס אַ דורכזיכטיקן, דינעם, צווייפֿלהאַפֿטן ליכט און כמעט אין דער זעלבער צייט זענען אַרויסגעפֿלויגן פֿון זיין מויל אַרויס די ווערטער: „וואָס פֿאַר אַ לייכטער טאָן!” און די ווערטער: „פֿאַרדראָסיק, כאַפּט עס דער רוח!” און פֿאַרריכטנדיק דעם פּאָרטרעט, וואָס איז אים אָן אָפּשטאַנד אַראָפּגעפֿאָרן פֿון אונטערן אָרעם אַפּער, האָט ער פֿאַרשנעלערט דעם טריט.

אַ מידער און אין גאַנצן אין שווייס, האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו זיך אַהיים אין דער פֿינצטערער ליניע אויף וואַסיליעווער קוואַרטאַל. מיט מי און מיט אַ שווער עטעמען האָט ער זיך אַרויפֿגעקריגן אויף די טרעפּ, וועלכע זענען באַגאָסן געווען מיט פּאָמיעס און באַשמוצט מיט די שפּורן פֿון קעץ און הינט. אויף זיין

אָנקלאַפּן אין טיר האָט קיינער נישט געענטפערט: זיין מענטש איז נישט געווען אינדערהיים. ער האָט זיך אָנגעלענט באַם פענצטער און געגרייט זיך געדולדיק אָפּצוּוואַרטן, ביז עס האָט זיך לסוף געלאָזט הערן הינטער אים די טריט פון אַ יונג אין אַ בלוי העמדל, זיין מאָדעלירער, פאַרבן־רייבער און פּאָדלאָגע־קערער, וועלכער האָט זי טאַקע באַלד אויפן אָרט אַליין פאַרשמוצט מיט זיינע אייגענע שטיוול. דעם יונג האָט מען גערופן ניקיטאַ און ער האָט פאַרברענגט זיין צייט, ווען דער אדון איז אינדערהיים נישט געווען, פאַר די טויערן פון דעם געסל. ניקיטאַ האָט זיך לאַנג אָנגעשטרענגט אַריינצוטרעפן מיטן שליסל אינם שלאָס־לעכל, וואָס איז לגמרי נישט מערקבאַר געווען מחמת פינצטערקייט. ענדלעך איז די טיר געווען געעפנט. טשאַרטקאָוו איז אַריינגעקומען אין זיין פּאָדערצימער, ווו עס איז געווען אומדערטרעגלעך קאַלט, וואָס מען טרעפט שטענדיק באַ די מאָלער, וואָס אגב, זיי באַמערקן עס אפילו נישט. נישט איבערגעבנדיק ניקיטען זיין פאַלטאָ, איז ער אַריין אין זיין סטודיע — אַ קוואַדראַט גרויס צימער, נאָר אַ נידעריקס מיט פאַרפרוירענע פענצטער, אָנגעשטעלט מיט פאַרשידענע מאָלערישע מכשירים: שטיקלעך גיפּסענע הענט, ראַמען איבערגעצויגענע מיט לייוונט, מיט עסקיזן, אָנגעפאַנגענע און אַוועקגעשטעלטע, דראַפּירונגען אַרומגעהאָנגענע אויף שטולן. ער איז שטאַרק מיד געווען, האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין פאַלטאָ, האָט אַ צעטראָגענער אַוועקגעשטעלט דעם געבראַכטן פּאָרטרעט צווישן צוויי נישט גרויסע לייוונטן און אַנידערגעוואָרפן זיך אויף אַ שמאָלער קאַנאַפּע, וועגן וועלכער מען האָט נישט געקאָנט זאָגן, אַז זי איז איבערגעצויגן געווען מיט לעדער, דערפאַר, ווייל אַ רייע מעשענע טשוועקלעך, וועלכע האָבן זי אַמאָל פאַרפעסטיקט, זענען לאַנג שוין געבליבן אַליין פאַר זיך, און די לעדער אין דער הויך איז אויך געבליבן אַליין פאַר זיך, אַזוי דאָס ניקיטאַ האָט אונטער איר אַרונטערגעשטופּט שוואַרצע שקאַרפּעטן, העמדלעך און די גאַנצע אומגעוואַשענע וועש. אָפּזיצנדיק און צולייגנדיק זיך אַ ביסל, אויף

וויפיל מען האָט געקאָנט זיך אויף דער שמאָלער קאַנאַפּקע צוליִיגן, האָט ער לסוף געבעטן אַ ליכט.

— נישטאָ קיין ליכט, — האָט ניקיטאַ געזאָגט.

— פאַרוואָס איז נישטאָ?

— עס איז דאָך שוין נעכטן נישט געווען, — האָט ניקיטאַ געזאָגט.

דער מאָלער האָט זיך דערמאָנט, אַז ווירקלעך איז שוין נעכטן קיין ליכט נישט געווען, האָט ער זיך באַרויקט און אַנט־שוויגן געוואָרן. ער האָט זיך געלאָזט אויסטון און אָנגעטון זיין פעסטן און שטאַרק־אָפּגעטראָגענעם כאַלאַט.

— יאָ, נאָך עפּעס, דער ווירט איז דאָ געווען, — האָט ני־קיטאַ געזאָגט.

— נו, ער איז מסתמא געקומען נאָך געלט? איך ווייס, — האָט דער מאָלער געזאָגט אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט.

— און ער איז געקומען נישט אַליין, — האָט ניקיטאַ גע־זאָגט.

— מיט וועמען?

— איך ווייס נישט מיט וועמען... עפּעס אַ קוואַרטאַלני.

— צו וואָס איז דער קוואַרטאַלני געקומען?

— איך ווייס נישט צו וואָס; ער האָט געזאָגט צוליב דעם, פאַרוואָס מען באַצאָלט נישט קיין דירה־געלט.

— נו, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען?

— איך ווייס נישט, וואָס עס וועט אַרויסקומען; ער האָט געזאָגט: „אויב ער וויל נישט, זאָל ער, — זאָגט ער, — אַרויס־ציען זיך פון דער וווינונג". זיי האָבן פאַרשפּראָכן נאָך מאָרגן צו־קומען.

— זאָלן זיי קומען, — האָט מיט אַ טריב־גלייכגילטיקייט טשאַרטקאָוו אַ זאָג געטון און אַן אויפרעגנדע שטימונג האָט אים אינגאַנצן באַהערשט.

דער יונגער טשאַרטקאָוו איז געווען אַ מאָלער מיט אַ טאַ־

לאַנט, וואָס האָט אַ סך פאַרשפּראָכן. מיט זיין העפטיקייט און מאָ־מענטאַלקייט האָט ער מיט זיין פּענזל אַרויסגעוויזן באַאָבאַכטונג, געוואַגטקייט, שנעלן דראַנג צו דערנענטערן זיך צו דער נאַטור.

— נעם עס דיר אין אַכט, ברודער, — האָט אים נישט איין־מאָל געזאָגט זיין פּראָפעסאָר, — דו האָסט טאַלאַנט: עס וועט זיין אַ זינד, אויב דו וועסט אים פאַרלירן; נאָר דו ביסט אומגעדולדיק; ווען דיך פאַרכאַפּט עפּעס איין זאַך, פאַרליבסטו זיך אין איין זאַך — ביסטו נאָר מיט דעם בלויז שוין פאַרנומען, און דאָס איבעריקע איז שוין בײַ דיר בלאָטע, דאָס איבעריקע איז שוין בײַ דיר אָן באַדייטונג, ווילסט שוין דערויף אַפילו נישט קוקן. זע, אַז עס זאָל פון דיר נישט אַרויסוואַקסן אַ מאָדערנער מאָלער: שוין איצטער הייבן שוין עפּעס אָן בײַ דיר צו געוואַלטיק די פאַרבן צו שרייען; די צייכנונג איז בײַ דיר נישט שטרענג, און טיילמאָל איינגאַנצן שוואַך, די ליניע איז נישט אָנזעעוודיק; דו יאָגסט זיך שוין נאָך נאָך דער מאָדערנער באַלויכטונג, נאָך דעם, וואָס שלאָגט צום ערשטן אין די אויגן אַריין, — זע, קאָנסט פּלוצלינג אַריינפאַלן אינם ענגלישן מאַניער. זיי אויף דער וואַך: דיך הייבט שוין אָן די וועלט צוצוציען. איך דערזע שוין בײַ דיר מאַנכעס מאָל אַ פראַנטיש טיכל אויפן האַלז, אַ הוט מיט לאַפּן... דאַסדאָזיקע ציט אָן צו דערלויבן זיך מאָלן מאָדערנע בילדער און פאָרטרעטן פאַר געלט; אָבער דו דאַרפסט וויסן, אַז אויף אַזאַ אופן ווערט פאַר־דאָרבן און נישט עס אַנטוויקלט זיך דער טאַלאַנט... זיי געדולדיק. טראַכט פריער דורך יעדע אַרבעט; האָב נישט אין זינען צו זיין אַ פראַנט, — זאָלן זיך דאָרט די אַנדערע מאַכן געלט, — דאָס דייניקע וועט פון דיר נישט אַוועקקומען.

דער פּראָפעסאָר איז טיילוויז גערעכט געווען. טיילמאָל האָט, באמת, אונזער מאָלער אָנגענומען אַ חשק אַ הוליע צו טון, אויסגאַלאַנטעווען זיך, — מיט איין וואָרט, ווי־נישט־ווי באַווייזן זיין יוגנט; נאָר בײַ דעם אַלעם, האָט ער פונדעסטוועגן געקאָנט נעמען איבער זיך די ממשלה. צייטנווייז, נעמענדיק זיך צום פּענזל, האָט

ער אין אַלעם געקאָנט פאַרגעסן און אָפרייסן זיך פון אים נישט אַנדערש, ווי פון אַ הערלעכן, איבערגעריסענעם חלום. זיין געשמאַק האָט זיך מערקבאַר אַנטוויקלט. ער האָט נאָך נישט תופס געווען ראַפאַעלס*) גאַנצע טיפקייט, נאָר ער איז שוין געווען מיטגעריסן מיט גווידאָס**) שנעלן, ברייטן פענזל, אָפגעשטעלט זיך פאַר די פאָרטרעטן פון טיציאַנען***), אַנטציקט זיך מיט די פלאַמאַנדער****). דאָס פאַרטונקלטע געזיכט, וואָס האָט באַקליידט די אַלטע בילדער, איז נאָך נישט אינגאַנצן אַוועק פאַר אים אומבאַמערקט; ער האָט אָבער שוין עפעס אין זיי חושד געווען, הגם אינערלעך האָט ער נישט מסכים געווען מיטן פראָפעסאָר, אַז די אַלטע מייסטער זאָלן אַזוי אומדערגרייכבאַר אַוועק פון אונז; אים האָט זיך אפילו אויסגעוויזן, אַז דאָס נייצנטע יאָרהונדערט האָט זיי נאָך מיט עפעס-וואָס באַדייטנד איבערגעשטיגן, אַז דאָס נאָכמאַכן די נאַטור האָט מען עפעס געמאַכט קלאָרער, לעבעדיקער, נענטער. מיט איין וואָרט, ער האָט אין דעם פאַל געטראַכט אַזוי, ווי עס טראַכט בכלל די יוגנט, וועלכע האָט שוין עפעס-וואָס דערגרייכט און פילט עס אין שטאָלצן אינערלעכן באַוווסטזיין. טיילמאָל איז באַ אים אַנטשטאַנען אַ פאַרדראָס, ווען ער האָט געזען, ווי אַ צוגערייזטער מאָלער, אַ פראַנצויז אָדער דייטש, אַ סך מאָל אפילו קיין מאָלער נישט נאָכן באַרוף, נאָר בלויז מיט זיין איינ-

*) ראַפאַעל סאַנציאָ — אַ באַרימטער איטאַליענישער מאָלער; געבוירן אין 1483, געשטאָרבן אין 1520 יאָר.

**) גווידאָ-רעני — אַ באַרימטער איטאַליענישער מאָלער; געבוירן אין 1475, געשטאָרבן אין 1576 יאָר.

***) טיציאַנאָ-וועטשעלי — אַ באַרימטער איטאַליענישער מאָלער; געבוירן אין 1477, געשטאָרבן אין 1576 יאָר.

****) פלאַמאַנדער — פלאַמאַנדישע מאָלער האָבן געשאַפן אַ באַזונדערע ריכטונג אין דער מאָלעריי.

געאיבטע אַנציעוודיקייט, דרייסטקייט פון פענזל און קלאָרקייט פון די פאַרבן, פלעגט אַרויסרופן אַן אַלגעמיינעם טומל און אָנגעשאַרט זיך בליץ-שנעל אַ געלט-קאַפּיטאַל. דאָסדאָזיקע איז אים געקומען אויפן געדאַנק נישט דעמאָלט, ווען זייענדיק פאַרנומען אינגאַנצן אין זיין אַרבעט, האָט ער פאַרגעסן אין טרינקען. אין עסן און אין דער גאַנצער וועלט, נאַר דעמאָלט, ווען עס האָט שוין שטאַרק צוגעטרעטן די נויטווענדיקייט, ווען עס איז שוין נישט געווען פאַרוואָס צו קויפן פאַרבן און פענזלען, ווען דער נישט-אָפּטרעטנדיקער הויז-ווירט פלעגט באַ צען מאָל אין טאָג קומען מאָנען דירה-געלט, דעמאָלט האָט זיך קנאהדיק געצייכנט אין זיין פאָרשטעלונג דער גורל פון דעם רייכן מאָלער; דעמאָלט איז אפילו דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, וואָס לויפט אַזוי אָפטמאָל אַדורך אין אַ רוסישן קאָפּ, — וואַרפן אַלץ און אַ הוליע טון פון צרות אויף צו להכעיס אַלעמען. און אויך איצט איז ער געווען כמעט אין אַזאַ לאַגע.

— יאָ, זיי געדולדיק, זיי געדולדיק! — האָט ער אויסגעזופן מיט פאַרדראָס. — אָבער צום געדולד איז דאָך אויך פאַראַן אַ סוף. זיי געדולדיק! און פאַר וועלכן געלט וועל איך מאָרגן מיטאָג עסן? אויף באָרג וועט דאָך קיינער נישט געבן. און לאָמיך אָוועקטראָגן אַלע מיינע בילדער און צייכנונגען, וועט מען מיר פאַר זיי אַלע געבן אַ צוויגריוועניק. זיי זענען נוצלעך, געוויס; איך פיל עס: יעדע פון זיי איז נישט אומזיסט געווען אונטערגענומען, אין יעדן פון זיי האָב איך עפּעס דערוווּסט זיך. אָבער וואָס פאַר אַ נוצן דערפון? עטיודן, פּרוּוון — אַלץ וועט זיין עטיודן, פּרוּוון, — און עס וועט צו זיי קיין סוף נישט זיין. און ווער וועט זיי קויפן נישט קענענדיק מיין נאָמען? און ווער דאַרף עס האָבן צייכנונגען פון אַנטיקן*), אָדער פון קלאַסישע נאַטור, אָדער מיין

*) אַנטיק — אַן אַלטערטימלעך קונסט-ווערק, אַ רוימיש אָדער גריכיש, אָפּטער אַ סקולפּטור-שטיק.

אומענדלעכע ליבע צו פסיכען*), אָדער די פּערספּעקטיוו פון מיין צימער, אָדער דער פּאָרטרעט פון מיין ניקיטען, הגם ער איז אין דער אמתן בעסער פון די פּאָרטרעטן פון וועלכן־דאָרט מאָדערנעם מאָלער? וואָס אין דער אמתן? צוליב וואָס קוועל איך זיך און ווי אַ שילער גריבל איך זיך איבער דעם אַלף־בית, דעמאָלט ווען איך וואָלט געקאָנט גלאַנצן גאָרנישט ערגער פון אַנדערע און אויך זיין, אַזוי ווי זיי, מיט געלט?

אַרויסזאָגנדיק דאָסדאָזיקע, האָט דער מאָלער פּלוצלינג אויפגעציטערט און בלייך געוואָרן: אויף אים האָט אַ קוק געטון, אַרויסרוקנדיק־זיך פון צווישן די אָנגעשטעלטע לייוונטער, עמעצנס קראַמפּהאַפּט, פאַרדאָרבן געזיכט; צוויי שרעקלעכע אויגן האָבן גלייך אין אים אַריינגעשפּיזט, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט אים אויפצופרעסן; אויפן מויל איז געווען אויפגעשריבן אַ באַפעל צו שווייגן. אַ דערשראָקענער האָט ער געוואָלט אויסשרייען און רופן ניקיטען, וועלכער האָט שוין באַוויזן צו צעלאָזן זיך אין זיין פאָדער־צימער מיט זיין העלדיש כראָפּען; נאָר פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און צעלאַכט זיך. דאָס געפיל פון שרעק איז כהרף־עין אָפּגעפאַלן, דאָס איז געווען דער פון אים געקויפטער פּאָרטרעט, וועגן וועלכן ער האָט לגמרי געהאַט פאַרגעסן. דער אָפּשיין פון דער לבנה איז געפאַלן אויף אים און אים צוגעגעבן אַ שרעקלעכע לעבעדיקייט. ער האָט זיך גענומען אים באַטראַכטן און אַרומווישן. איינגעצנדיק אין וואַסער אַ שוואָם, איז ער איבער אים איבערגעגאַנגען אייניקע מאָל, אַראָפּגעוואַשן פון אים כמעט דעם גאַנצן אָנגעזאַמלטן און אָנגעקלעפּטן שטויב און שמוץ, אויפגעהאָנגען פאַר זיך אויף דער וואַנט און נאָכמער זיך פאַרוווּנדערט איבער דער אויסערגעוויינלעכער אַרבעט: דאָס גאַנצע

*) פסיכע — אַ העלדין פון אַן אַלטערטימלעך־גריכישער דערציילונג וועגן אַ מיידל, וועלכע איז מיט איר שיינקייט ענלעך צו אַ געטין.

פנים האָט כמעט אויפגעלעבט, און די אויגן האָבן אַ קוק געטון אויף אים אַזוי, אַז ער האָט לסוף אַזש אַ ציטער געטון, און צו־ריקציענדיק זיך, האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ דערשטוינטער שטימע:

— ער קוקט, ער קוקט מיט מענטשלעכע אויגן!

אים איז פּלוצלינג געקומען אויפן רעיון אַ געשיכטע, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט פון זיין פּראָפעסאָר, וועגן אַ פּאָרטרעט פון באַוווסטן לעאָנאַרדי דאַ־ווינטשי*), איבער וועלכן דער גרוי־סער מייסטער האָט געאַרבעט איינציקע יאָר און ער האָט אים אַלץ נאָך געהאַלטן פאַר נישט קיין פאַרענדיקטן, און וועלכער איז, לויט די ווערטער פון וואַזאַרין**), געווען, פונדעסטוועגן, גערעכנט פון אַלע פאַר דעם פולקאָמסטן און פאַרענדיקטעסטן קונסט־ווערק. דאָס פאַרענדיקטסטע אין אים זענען געווען די אויגן, פאַר וועלכע עס זענען דערשטוינט געבליבן זיינע צייט־גענאָסן. אפילו די קלענסטע קוים־אָנזעעוודיקע אָדערלעך זענען נישט געווען דורכגעלאָזט און איבערגעגעבן דער לייוונט. נאָר דאָ, פונדעסטוועגן, אין דעם איצט פאַר אים שטייענדיקן פּאָרטרעט, איז געווען עפּעס־וואָס משונה־דיקס. דאָס איז געווען שוין נישט קונסט: עס האָט צעטרייסלט אַפילו די האַרמאָניע פון פּאָרטרעט גופא; דאָס זענען געווען לע־בעדיקע, דאָס זענען געווען מענטשלעכע אויגן! עס האָט זיך גע־דאַכט, ווי זיי וואָלטן געווען אַרויסגעשניטן פון אַ לעבעדיקן מענטש און אַריינגעשטעלט אַהער. דאָ איז נישט געווען דער הויכער תענוג, וואָס כאַפּט אַרום די נשמה בײַם אָנבליק אויף אַ ווערק פון אַ

---

*) לעאָנאַרדי דאַ־ווינטשי — אַ באַרימטער איטאַליענישער מאָלער. גע־בוירן אין 1472, געשטאָרבן אין 1519.

**) וואַזאַרי — אַ שרייבער און מאָלער, געבוירן אין 1512 יאָר, גע־שטאָרבן אין 1574 יאָר. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ביאָגראַפיע פון באַרימטע מאָלער.

קינסטלער, ווי שוידער־האַפטיק דער געגנשטאַנד זאָל פון אים נישט זיין גענומען. דאָ איז געווען עפּעס אַ קרענקלעך, קווענדיק געפיל.

— וואָס איז דאָס ? — האָט נישט ווילנדיק דער מאָלער זיך געפרעגט ; — דאָס איז דאָך. פונדעסטוועגן, נאַטור, לעבעדיקע נאַטור ; פון וואַנען־זשע קומט דאָס שרעקלעך־אומאַנגענעם געפיל ? צי איז דאָס קנעכטישע, בוכשטעבלעכע נאָכמאַכן שוין אַ פאַרברעך און דערפאַר אַנטפּלעקט זיך עס אַלס שטאַרק־איבערגעטריבן אומהאַרמאָניש געשריי ? צי אַז דו נעמסט אַ געגנשטאַנד מיט אָן אָנטייל, מיט אָן געפיל, נישט מיטפילנדיק דערמיט, מוז עס אומבאַדינגט שטיין בלייבן פאַר אונז נאָר בלויז אין זיין שרעקלעכערווירקלעכקייט, נישט באַלויכטן מיט דעם ליכט פון דעם אומגרייפבאַרן, פון אַלעם באַהאַלטענעם געדאַנק, מוז עס שטיין בלייבן אין דער־דאָזיקער ווירקלעכקייט, וועלכע ווערט ערשט דעמאָלט אַנטדעקט, ווען אַז מען וויל תופס זיין דעם הערלעכן מענטש, מוזסטו זיך באַוואָפענען מיט אַן אַנאַטאָמיש מעסער, צעהאַקן זיינע אינגעווייַדן — און דו דערזעסט דעם עקלהאַפטן מענטש ? פאַרוואָס־זשע אַנטפּלעקט זיך די פשוטע, נידעריקע נאַטור בּאַ איין מאָלער אין עפּעס אַזאַ מין ליכט — אַז דו פילסט נישט קיין שום שפלדיקן איינדרוק, להיפוך, עס דאַכט זיך, ווי דו וואָלסט געהאַט אַ גענוס און אַלץ אַרום דיר פליסט און באַוועגט זיך רויק און מיט אַ סדר ? און פאַרוואָס, דאַכט זיך, איז די זעלבע נאַטור בּאַ אַן אַנדערן מאָלער אַ שפלדיקע, אַ שמוציקע, הגם ער איז אויך טריי געווען דער נאַטור ? נאָר ניין, ניין, עס איז נישט פאַראַן אין איר דאָס באַלויכטנדיקע. פונקט אַזוי ווי בּאַ אַ נאַטור־בילד : ווי פּראַכטפול דאָס בילד זאָל נישט זיין, וועט פונדעסטוועגן עפּעס פעלן, אויב אויפן הימל איז די זון נישטאָ.

ער איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צום פּאָרטרעט, כּדי צו באַטראַכטן די וווּנדערבאַרע אויגן, און מיט פּחד האָט ער באַמערקט, אַז זיי קוקן אויף אַן אמת אויף אים. דאָס איז שוין נישט געווען

קיין קאָפּיע פון דער נאַטור ; דאָס איז געווען אַ מאָדנע לעבעדי-
קייט, מיט וועלכן ס'איז באַלויכטן געוואָרן דאָס פּנים פון אַ מת,
וואָס איז אויפגעשטאַנען פון קבר. צי דאָס לבנה-ליכט, וואָס טראָגט
מיט זיך מיט אַ פאַנטאַזיע-פלאָנטער און וואָס הילט אַלץ איין אין
אַנדערע פאָרמען, אין קעגנזאַץ צום פּאָזיטיוון טאָג, אָדער עפּעס
אַן אַנדערע סיבה — נאָר אים איז פּלוצלינג געוואָרן, נישט וויסנ-
דיק פאַרוואָס, מוראדיק צו זיצן איינער אַליין אין צימער. ער האָט
שטיל אָפּגעטרעטן פון פּאָרטרעט, אויסגעדרייט זיך אין דער אַנדע-
רער זייט און באַמיט זיך נישט צו קוקן אויף אים, אגב, האָט אָבער
זיין אויג אומגערן, פון זיך זעלבסט, פון דער זייט געוואָרפן אַ
בליק. לסוף האָט ער אפילו מורא באַקומען צו שפּאַנען איבערן
צימער, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין דער זעלבער צייט וועט
עפּעס-ווער אַן אַנדערער הינטער אים אָנהייבן נאָכצוגיין, און יעדעס
מאָל האָט ער מיט פּחד הינטער זיך זיך אומגעקוקט. ער איז קיינ-
מאָל נישט געווען קיין שרעקעוודיקער ; נאָר זיין כּח-הדמיון און
זיינע נערוון זענען געווען פילבאַר אָנגעצויגן, און אין דעם אָוונט
האָט ער אַליין נישט געקאָנט באַגרייפן זיין אומוויליקן פּחד. ער
האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע, אָבער אויך דאָ האָט זיך
אים אויסגעוויזן, אַז עפּעס עמעצער וועט אויף אים קוקן איבערן
אַקסל אין פּנים אַריין. ניקיטאַס כראָפּען, וואָס האָט זיך געלאָזט
הערן פון פאָדער-צימער, האָט אויך זיין מורא נישט פאַרטריבן.
לסוף האָט ער אַ ציטעריקער, נישט אויפהייבנדיק די אויגן, אויפ-
געשטעלט זיך פון זיין אָרט, אַרונטער צו זיך אונטער דעם שפּאַ-
נישן-וואַנטל און געלייגט זיך אויף זיין געלעגער. צווישן די שפּאַ-
רעס פון ווענטל האָט ער געזעען זיין צימער באַלויכטן פון דער
לבנה און אַקעגן זיך דעם אויף דער וואַנט הענגענדיקן פּאָרטרעט.
די אויגן האָבן נאָך שרעקלעכער, נאָך באַדייטונגספולער זיך איינ-
געפּערנט אין אים און, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן אויף
עפּעס אַנדערש נישט געוואָלט קוקן, נאָר אויף אים. זיי ערפולט
מיט אַ שווערמוטיק געפיל, האָט ער אַ צערודערטער זיך אויסגע-

הויבן פון געלעגער. געכאַפּט אַ ליילעך, און דערנענטערנדיק זיך צום פּאָרטרעט, האָט ער אים אינגאַנצן איינגעהילט.

דאָס אָפּטוענדיק, האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אויף זיין געלעגער אַ באַרויקטער און אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם אָרימקייט און קלאָגלעכן גורל פון מאָלער. וועגן דאָרניקן וועג, וואָס שטייט אים פאָר אויף דער וועלט; גלייכצייטיק האָבן זיינע אויגן נישט ווילנדיק געבליקט פון צווישן די שפּאַרעס פון ווענטל אויף דעם מיטן ליילעך פאַרהאָנגענעם פּאָרטרעט. דער אָפּשיין פון דער לבנה האָט פאַרשטאַרקט דאָס ווייסקייט פון ליילעך, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די שרעקלעכע אויגן האָבן אָנגעהויבן דורכצולויכטן אפילו דורכן ליילעך. מיט שרעק האָט ער איינגע-פּרעגט נאָך עקשנותדיקער זיינע אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך איבערצייגן, אַז דאָס איז אַן אומזין. נאָר לסוף שוין אויף אַן אמת... זעט ער, זעט קלאָר: דאָס ליילעך איז נישטאָ... דער פּאָר-טרעט איז אינגאַנצן אויפגעדעקט און קוקט, אַחוץ אַלעם וואָס זאָל נישט זיין אַרום, גלייך אויף אים, קוקט גלייך אויף אים אין זיינע איבערלעבקייטן... דאָס האַרץ איז באַ אים אַנטפאַלן געוואָרן. און ער זעט: דער אַלטער האָט זיך אַ ריר געטון און פלוצלינג זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער רעם מיט ביידע הענט, דערנאָך אונטערגע-הויבן זיך אויף די הענט און, אַרויסרוקנדיק ביידע פיס, איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון דער רעם אַרויס... צווישן די שפּאַרעס פון ווענטל האָט ער אַרויסגעזעען שוין נאָר בלויז די ליידיקע רעם. איבערן צימער האָט זיך געהערט דער אָפּהילך פון טריט, וועלכע האָבן זיך לסוף אָפּגעשטעלט נענטער און נענטער צום שפּאַנישן ווענטל. דאָס האַרץ באַם אָרימען מאָלער האָט אָנגעהויבן שטאַר-קער צו וואַרפן זיך. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פון שרעק האָט ער דערוואַרט, אַז אָט-אָט וועט פון אונטערן ווענטל אַפּער דער אַלטער אויף אים אַ קוק טון. און אָט האָט ער אויף אַן אמת אַ קוק געטון אויף אים, פון אונטערן ווענטל, מיט דעם זעלבן בראָנזענעם פּנים און לייכט באַוויגן מיט די גרויסע אויגן. טשאַרטקאָוו האָט זיך

אָנגעשטרענגט אַ געשריי צו טון — האָט ער דערפילט, אַז דאָס קול איז בײַ אים אָפּגענומען געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט אַ ריר צו טון, צו מאַכן עפּעס אַ באַוועגונג — האָבן די גלידער זיך נישט באַוועגט.

מיט אַן אָפן מויל און אַ פאַרשטאַרבענעם אָטעם האָט ער געקוקט אויף דעם מאָדנעם געשפּענסט פון היכן ווזקס, אין עפּעס אַ ברייטן אַזיאַטישן מאַנטל און האָט געוואַרט, וואָס וועט ער אָנהייבן צו טאָן. דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעזעצט כמעט האַרט בײַ זײַנע פיס און באַלד דערנאָך עפּעס־וואָס אַרויסגעצויגן פון אונטער די פאַלדן פון זײַן ברייטן מאַנטל. דאָס איז געווען אַ זעקעלע. דער אַלטער האָט עס אויפגעבונדן, און כאַפּנדיק עס פאַר ביידע עקן, האָט ער דאָס אויסגעשאָקלט. מיט אַ טויבן קלאַנג זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע שווערע טיטלען אין געשטאַלט פון לאַנגע רערלעך: יעדער איז געווען פאַרוויקלט אין בלויען פּאַפּיר און אויף יעדן איז געווען אויפגעשריבן: „1000 טשערוואָנצעס“. אַרויסרוקנדיק זײַנע לאַנגע, ביינערדיקע הענט פון די ברייטע אַרבל אַפּער, האָט דער אַלטער אָנגעהויבן אויפצוּוויקלען די טיטלען. דאָס גאָלד האָט אַ גלאַנץ געטון. ווי גרויס ס'איז נישט געווען דאָס שווערמוטיקע געפיל און די נאָך נישט איבערגעגאַנגענע שרעק פונם מאָלער, האָט ער דאָך אײַנגאַנצן זיך אײַנגעפּרעגט אינם גאָלד, קוקנדיק אומבאַוועגלעך, ווי דאָס וואַרפט זיך איבער אין די ביינערדיקע הענט, געגלאַנצט, דין און טויב געקלונגען און ווידער זיך איבערגעוואָרפן. דאָ האָט ער באַמערקט איין טיטל, וואָס האָט זיך פאַרקאָלערט אַ ביסל ווייטער פון די אַנדערע, בײַם סאַמע פיסל פון זײַן בעט, בײַ אים צוקאָפּנס. כמעט קאָנווולסיוו האָט ער אים אַ כאַפּ געטון און, פול מיט שרעק, האָט ער געקוקט, צי האָט עס נישט אַמאָל דער אַלטער באַמערקט. נאָר דער אַלטער, ווייזט אויס, איז געווען זייער פאַרנומען; ער האָט צוזאַמענגעקליבן אַלע זײַנע טיטלען, האָט זיי צוריק אַרײַנגעלייגט

אין זעקעלע, און נישט אַ קוק טוענדיק אויף אים, איז ער אַוועק פון אונטערן ווענטל.

דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט באַ טשאַרטקאָוון, ווען ער האָט דערהערט, ווי עס האָט זיך געטראָגן איבערן צימער דאָס געוויש פון די דערווייטערנדיקע טריט. ער האָט פעסטער צוגע־דריקט דעם טיטל באַ זיך אין דער האַנט, ציטערנדיק פאַר אים מיטן גאַנצן קערפּער, — און פלוצלינג האָט ער דערהערט, אַז טריט דערנענטערן זיך ווידער צום ווענטל — ווייזט אויס, דער אַלטער האָט זיך געכאַפּט, אַז עס פעלט אים איין טיטל. און אָט האָט ער אויפסניי אַ קוק געטון אויף אים אונטערן ווענטל. פול מיט פאַרצווייפלונג האָט דער מאָלער צוגעקוועטשט מיט דער גאַנ־צער קראַפט דעם טיטל אין זיין האַנט. ער האָט באַנוצט אַלע אָנשטרענגונגען צו מאַכן אַ באַוועגונג, האָט אַ געשריי געטון און— אויפגעכאַפּט זיך.

אַ קאַלטער שווייס האָט אים איינגעצאַנצן באַגאָסן; דאָס האַרץ באַ אים האָט געקלאַפּט אַזוי שטאַרק, ווי עס האָט נאָר געקאָנט זיך שלאָגן; די ברוסט איז געווען איינגעצויגן, ווי עס וואָלט וועלן פון איר אַרויספליען איר לעצטער אָטעם.

— זאָל עס האָבן געווען נאָר אַ חלום? — האָט ער אַ זאָג געטון, נעמענדיק זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ.

נאָר די שרעקלעכע לעבעדיקייט פון דער דערשיינונג איז נישט ענלעך געווען אויף אַ חלום. ער האָט געזעען, שוין דער־וואַכטערהייט, ווי דער אַלטער איז אַוועק אין דער רעם אַריין, עס האָט אפילו אַ בליאַסק געטון אין עק פון זיין ברייטן מאַנטל, און זיין האַנט האָט נמשותדיק געפילט, אַז מיט אַ מינוט פריער האָט זי געהאַלטן עפּעס אַ משא.

דאָס ליכט פון דער לבנה האָט באַלויכטן דאָס צימער, צווינ־גענדיק אַרויסצוטרעטן פון אירע ווינקלען אַרויס — דאָ די לייוונטן, דאָ אַ גיפּסענע האַנט, דאָ אַן אָנגעשטעלטע דראַפּירונג אויף אַ שטול, דאָ פאַנטאָפל און אומגעפּוצטע שטיוול. דאָ ערשט האָט ער

באַמערקט, אַז ער ליגט נישט אויף זיין געלעגער, נאָר אַז ער שטייט אויף די פיס פאַר דעם בילד. ווי אַזוי ער האָט זיך דאָ אַהערגעקריגן, — דאָס האָט ער אויף קיין אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין. נאָכמער האָט אים דערשטוינט דאָס, וואָס דער פּאָרטרעט איז געווען איינגאַנצן אויפגעדעקט און דאָס ליילעך איז אויף אים לגמרי נישט געווען. מיט אַן אומגעווייגלעכן פּחד האָט ער אַ קוק געטון אויף אים און געזען, ווי גלייך עס האָבן זיך איינגעפּרעגט אין אים לעבעדיקע, מענטשלעכע אויגן. אַ קאַלטער שווייס איז אַרויסגעטרעטן אויף זיין פּנים; ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר ער האָט געפילט, אַז זיינע פיס זענען געווען ווי צוגעוואַקסן צו דער ערד. און ער זעט, — דאָס איז שוין נישט קיין חלום, — אַז די שטריכן פונם אַלטן האָבן זיך אַ באַוועג געטון און זיינע ליפּן האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוציען צו אים, ווי זיי וואָלטן וועלן אים אויסנאָגן... מיט אַ יאָמער-געשריי פון פאַרצווייפלונג איז ער אָפּגע-שפּרונגען און — אויפגעכאַפּט זיך.

— זאָל דאָסדאָזיקע אויך האָבן געווען אַ חלום?

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ ביז צום צעריסן ווערן, האָט ער געטאַפּט מיט די הענט אַרום זיך. יאָ, ער ליגט אויפן געלעגער, אין דער זעלבער לאַגע ווי ווען ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן. פאַר אים שטייט דאָס ווענטל; דאָס צימער איז אָנגעפילט מיט דעם ליכט פון דער לבנה. צווישן די שפּאַרעס פונם ווענטל האָט זיך אַרויסגעזען דער פּאָרטרעט, פאַרדעקט ווי עס באַדאַרף צו זיין, מיט דעם ליילעך, אַזויווי ער אַליין האָט אים באַדעקט. נו, יאָ, דאָס איז אויך געווען אַ חלום! נאָר די צוגעפּיסטע האַנט פילט נאָך, אַזוי ווי עס וואָלט נאָך עפּעס-וואָס אין איר געווען. דאָס האַרץ-קלאַפּן איז געווען אַ שטאַרקס, כמעט אַ שרעקלעכס; דאָס שווערקייט אויף דער ברוסט אַן אומדערטרעגלעכס. ער האָט איינ-געפּרעגט די אויגן אין אַ שפּאַרע און אויפמערקזאַם געקוקט אויפן ליילעך. און אָט זעט ער קלאָר, אַז דאָס ליילעך הייבט אָן אויפצו-

דעקן זיך, ווי עס וואָלטן אונטער איר העננט זיך געצאַפּלט, אָנשטרענגענדיק זיך עס אַראָפּצוּוואַרפן.

— גאָט, גאָט מײַנער, וואָס איז דאָס! - האָט ער אַ געשריי געטון, קרייצנדיק זיך פאַרצווייפלט, — און זיך אויפגעכאַפּט.

און אויך דאָס איז געווען אַ חלום! ער איז אויפגעשפּרונגען פון געלעגער, אַ האַלבּ־משוגענער, מיט אַ פאַרלוירענעם באַוווסטזיין און ער האָט זיך נישט געקאָנט דערקלערן, וואָס מיט אים טוט זיך: צי איז דאָס דער דרוק פון קאָשמאַר, אָדער פון הויז־שד, דער געפּלאָנטער פון היץ, אָדער אַ לעבעדיקע וויזיע. באַמיענדיק זיך אויף וויפיל־נישט־איז שטילער צו מאַכן זיין גייסטיקע באַאומרויקונג און דאָס צעוויגנדיקע בלוט, וואָס האָט געשלאָגן מיט אַן אָנגעשטרענגטן פּולס איבער אַלע זיינע אָדערן, איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער און געעפנט דעם לופטשיק. אַ קאַלטער שמעקעדיקער ווינט האָט אים אויפגעלעבט. דער לבנה־אָפּשיין איז נאָך אַלץ געלעגן אויף די דעכער און אויף די ווייסע ווענט פון די הייזער, הגם ס׳האָבן אָפטער אָנגעהויבן דורכגיין נישט־גרויסע וואָלקנס איבערן הימל. אַלץ איז געווען שטיל. זעלטן האָט זיך דערהערט אַ דערווייטערט רעדערן פון דראָזשקעס, פון אַ פורמאַן, וועלכער איז ערגעץ אין אַ טונקעלע גאַס געשלאָפן און איינגעוויגט זיין פוילע קליאַטשע, אַפוואַרטנדיק אַ פאַרשפעטיקטן פּאַסאַזשיר. לאַנג האָט ער אַזוי געקוקט, אַריינשטעקנדיק דעם קאָפּ אין לופטשיק. אויפן הימל האָבן שוין אָנגעהויבן געבוירן צו ווערן סימנים פון דערנענטערנדיקן פרימאָרגן; לסוף האָט ער דערפילט אַ שלעפעריקייט, ער האָט פאַרהאַקט דעם לופטשיק, אַוועק פון פענצטער, געלייגט זיך אויפן געלעגער און שנעל איינגעשלאָפן, ווי אַ דערהרגעטער, מיט דעם שטאַרקסטן שלאָף.

ער האָט זיך אויפגעוועקט גאַנץ שפּעט און דערפילט זיך אין דעם אומאַנגענעמן מצב, וועלכער באַהערשט אַ מענטש נאָך אַ טשאַד: דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן ווי צו טון. אין צימער איז

געוועזן טריב: אַן אומאָנגענעמע פּייכטקייט האָט זיך געזייעט אין דער לופט און דורכגעגאַנגען צווישן די שפּאַרעס פון זיינע פענצטער, וועלכע זענען געווען אָנגעשטעלט מיט בילדער אָדער מיט פאַרגרונטעוועטע לייוונטער. אַ כמורנער, אַן אומצופרידענער, ווי אַ בּאַסער האָן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין צעריסענער קאַנאַפּקע, אַליין נישט ווייסנדיק צו וואָס זיך צו נעמען, וואָס צו טון, און לסוף האָט ער זיך דערמאַנט דעם גאַנצן חלום זיינעם. לויט דעם סדר פון זיין דערינערונג האָט זיך דער חלום פאָרגעשטעלט אין זיין באַוווסטזיין אַזוי שווערלעך-לעבעדיק, אַז ער האָט אפילו אָנגעהויבן חושד זיין, צי איז דאָס באמת נאָר געווען אַ חלום און אַ פּשוטער געדאַנקען-פּלאָנטער, אָדער איז דאָס דאָ נישט געווען עפּעס אַנדערש, צי איז דאָס אַמאָל נישט געווען אַ נביאה. אַראָפּרייסנדיק דאָס ליילעך, האָט ער בּאַם טאָג-ליכט באַטראַכט דעם מאָדנעם פּאָרטרעט. די אויגן האָבן באמת דערשטוינט מיט זייער אומגעווייגלעכער לעבעדיקייט. אָבער ער האָט גאָרנישט געפונען אין זיי עפּעס באַזונדער-שרעקלעכס; נאָר ווי עס וואָלט עפּעס אַן אומקלאָר, אומאָנגענעם געפיל געבליבן אויף דער נשמה. בּאַ דעם אַלעם, האָט ער פונדעסטוועגן זיך אינגאַנצן נישט געקאָנט איבערצייגן, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ חלום. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז צווישן דעם חלום איז געווען עפּעס אַ מאָדנער אָפּרייס פון דער ווירקלעכקייט. עס האָט זיך געדאַכט, אין בּלויזן בליק און אין אויסדרוק פונם אַלטן, ווי ער וואָלט עפּעס-וואָס גערעדט, אַז ער איז בּאַ אים געווען אין דער זאָזיקער נאַכט; זיין האַנט האָט געפילט, ווי עס איז נאָר-וואָס געלעגן אין איר עפּעס אַ משא, ווי עס וואָלט ווער מיט אַ מינוט נאָר פריער פון האַנט אים די משא אַרויסגעכאַפּט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וואָלט נאָר אַ ביסל פעסטער געהאַלטן דעם טיטל אין האַנט, וואָלט ער זיכער בּאַ אים געבליבן אפילו נאָכן אויפכאַפּן זיך.

— גאָט מיינער! ווען כאָטש נאָר אַ טייל פון דעם געלט! — האָט ער אַ זאָג געטון, שווער אָפּעטעמענדיק.

און אין זיין דמיון האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשיטן פונם זעקעלע אַרויס די אַלע נעזעענע טיטלען מיט דעם לאָקערנדיקן אויפשריפט: „1000 טשערוואָנצעס“. די טיטלען האָבן זיך געקאָלערט, דאָס גאָלד האָט געגלאַנצט, האָט זיך ווידער פאַרוויקלט — און ער איז געזעסן, אומבאַוועגלעך און געדאַנקענלאָז, אָנשטעלנדיק זיינע אויגן אין דער ליידיקער לופט, נישט זייענדיק ביכולת אָפּצורייסן זיך פון דעם געגנשטאַנד, ווי אַ קינד, וואָס זיצט לעבן אַ זיסער שפּייז און זעט, שלינגענדיק דאָס שפּייעכץ, ווי עס עסן די אַנדערע.

ענדלעך האָט זיך באַ דער טיר דערהערט אַ קלאַפּן, וואָס האָט אים געצוווּנגען אומאָנגענעם ווידער צו זיך צו קומען. עס זענען אַריינגעקומען דער הויזווירט מיט דעם קוואַרטאַלני אויפזעער, וועמענס באַווייזן זיך פאַר נידעריקערע מענטשן, איז כידוע, נאָך אומאָנגענעמער ווי פאַר גבירים דאָס געשטאַלט פון אַ נצרך. דער ווירט פון דעם נישט-גרויסן הויז, ווו עס האָט געוווינט טשאַרטקאָוו, איז געווען איינער פון די נפשות, ווי עס זענען געוויינטלעך די אייגנטימער פון די הייזער אומעטום אין דער פינצטערער ליניע פון וואַסיליעווער קוואַרטאַל, אויף דער פּעטערבורגער זייט אָדער אין אַ דערווייטערטן ווינקל, אין קאָלאָמנע, — אַ נפש, וואָס איז איינער פון אַ סך אין רוסלאַנד און וועמענס כאַראַקטער עס איז שווער צו באַשטימען, ווי די פאַרב פון אַן אָפּגעטראָגענעם סורדוט. אין די יונגערע יאָרן איז ער געווען אַ קאַפּיטאַן און אַ בעל-כעסן, מען פלעגט אים אויך באַנוצן צו ציווילע דינסטן, ער איז געווען אַ מייסטער גוט אָנצולערנען, ער איז אויך געווען אַ דורכגעטריבענער, און אַ פראַנט, און אַ נאַר; נאָר אויף דער עלטער האָט ער אין זיך צונויפגעגאָסן די אַלע שאַרפע אייגנשאַפטן אין עפּעס אַ טריבע אומבאַשטימטקייט. ער איז שוין געווען אַן אלמן, שוין געווען אין דימיסיע, שוין נישט געפּראַנטעוועט, נישט געטשעפּעט זיך, ער האָט נאָר ליב געהאַט טיי צו טרינקען און צו דערציילן פאַרשידענע שטותים; ער פלעגט אַרומגיין איבער זיין צימער און

פאַרריכטן דאָס חלבנע קנויטל, פינקטלעך צום חודש באַזוכן זיינע לאָקאַטאָרן אויפצומאָנען דאָס דירה־געלט, ער פלעגט אַרויס אויף דער גאַס מיט אַ שליסל אין האַנט, כדי אַ קוק צו טון אויפן דאַך פון זיין מויער, טרייבן דעם סטרוזש פון זיין נאָרע אַרויס, ווו ער עד האָט זיך געהאַט באַהאַלטן, כדי זיך איבערצושלאָפן; מיט איין וואָרט, ער איז געווען אַ מענטש אַ דימיסיאָנירטער, בא וועמען עס בלייבן איבער, נאָך דעם גאַנצן רעשיקן לעבן און הוידן־זיך אויף רעסאָרן, בלויז אומגעשמאַקע געוווינהייטן.

— זעט אַליין, וואַרוך קוזמיטש, — האָט דער ווירט אַ זאָג געטון, ווענדנדיק זיך צום קוואַרטאַלני און צעשפרייטנדיק די הענט: — ער צאָלט נישט פאַר דער וווינונג, ער צאָלט נישט.

— וואָס־זשע, אַז איך האָב היינט קיין געלט נישט? איר וועט צוואַרטן, איך וועל באַצאָלן.

— מיר קאָנען נישט וואַרטן, פאָטערל, — האָט מיר האַרט דער ווירט אַ זאָג געטון, מאַכנדיק אַ זשעסט מיטן שליסל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט: — אָט וווינט בא מיר פּאָטיאָמקין, אַ פּאָדפּולקאָווניק, זיבן יאָר וווינט ער שוין; אַננאַ פּעטראָווגאַ בוכמיסטעראָוואַ, זי פאַרנעמט אויך אַ שפייכלער און אַ שטאַל אויף צוויי פערד, בא איר וווינען דריי הויף־לייט — אָט־וואָס פאַר אַ לאָקאַטאָרן וווינען בא מיר. בא מיר, מוז איך אייך אָפן זאָגן, איז נישט דער אַנשטאַלט, נישט צו באַצאָלן פאַר דער וווינונג. איר וועט אַזוי פריינטלעך זיין באַצאָלן און תיכף זיך אַרויסציִען פון דאַנען.

— אויב איר האָט זיך שוין באַקוועם איינגעאָרדנט, דאַרפט איר צאָלן, — האָט דער קוואַרטאַלני אַ זאָג געטון מיט אַ קליינעם שאָקל מיטן קאָפ און פאַרלייגט אַ פינגער אויף אַ קנאָפ פון זיין מונדיר.

— די פראַגע איז אָבער מיט וואָס צו צאָלן? בא מיר איז איצטער אַ גראָשן נישטאָ.

— אויף אַזאַ אופן, פאָטערל, באַפרידיקט איוואַן איוואַנאָוויטש מיט די אויסאַרבייטונגען פון אייער פראָפעסיע, — האָט

דער קוואַרטאַלני אַ זאָג געטון, — מעגלעך, אַז ער וועט מסכּים זיין צו נעמען בילדער.

— ניין, פּאַטערל, איך דאַנק אים פאַר די בילדער. ס'וואָלטן נאָך גוט געווען בילדער מיט אַן איידעלן אינהאַלט, וועלכע מ'קאָן אויפהענגען אויף דער וואַנט; כאָטש עפּעס אַ גענעראַל מיט אַ שטערנדל, דעם פירשט קוטוזאָווס פּאָרטרעט. אָבער דאָ — אָט האָט ער אויפגעמאָלט אַ פּויער, אַ פּויער אין העמדל, דעם משרת זיינעם, דעם פאַרבן־רייבער. פון אים, פון דעם חזיר צו מאָלן אַ פּאָרטרעט; איך וועל אים, דעם פּאַסקודניאַק, דעם האַלז אָנברעכן: אַלע טשוועקעס פון די זאַוויעסעס האָט ער באַ מיר אַרויסגעלקחנט. אָט, זעט וואָס פאַר אַ בילדער: אָט האָט ער אויפגעמאָלט אַ שטובּ. וואָלט נאָך גוט געווען, ווען ער נעמט און מאָלט אויף אַ שטוב אַן אויפגערוימטע, אַ ציכטיקע; ער אָבער ווי ער האָט זי געמאָלן, מיט דעם גאַנצן מיסט און אָפּפאַל, וואָס האָט זיך אַרומגעשליידערט. נו, זעט אַליין, ווי ער האָט מיר פאַרמושבט דאָס צימער; זעט אַליין; באַ מיר וווינען במשך פון זיבן יאָר לאָקאַטאָרן — פּולקאָווניקעס, אַננאַ פּעטראָוונאַ די בוכמיסטראָווע... כ'מוז אייך זאָגן, אַז ס'איז נישטאָ קיין ערגערער לאָקאַטאָר, ווי אַ מאָלער: ווי אַ שמוציק חזיר לעבט ער, פשוט — ברענג עס נישט גאָט.

און דאָס אַלץ האָט דער אָרימער מאָלער געדולדיק געמוזט אויסהערן.

דער קוואַרטאַלני האָט דערווייל זיך פאַרנומען מיטן באַטראַכטן די בילדער און עטיודן, און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז באַ אים איז פאַראַן אַ לעבעדיקערע נשמה ווי באַם ווירט און אַז זי איז אפילו נישט פרעמד פון קינסטלערישע איינדרוקן.

— כע, — האָט ער אַ זאָג געטון, טייטלענדיק מיט אַ פינגער אויף אַ לייוונט, ווו עס איז געווען געשילדערט אַ נאַקעטע פרוי: — אַ קיצלדיקע זאַך. . . און פאַרוואָס איז עפּעס באַ דעם דאָ אַזוי שוואַרץ אונטער דער נאָז? וואָס, ער האָט זיך באַשיט מיט טאַבאַק?

— שאַטן, — האָט, נישט וועגנדיק צו אים די אויגן, טרוקן געענטפערט טשאַרטקאָוו.

— נו, זי וואָלט מען באַדאַרפט ערגעץ אַנדערש ווו משלח זיין, און באַ אים אונטער דער נאָז איז אַ צו אַנזעעוודיק אָרט, — האָט דער קוואַרטאַלני אַ זאָג געטון.

— און דער וועמענס איז פּאָרטרעט? — האָט ער, צוגייענדיק צום אַלטנס פּאָרטרעט, פאָרגעזעצט, — שוין אַ ביסל צו שרעקלעך, צי איז ער אויף אַן אמתן געווען אַזוי שרעקלעך? ער, דו, פּשוט, ער קוקט! וואָס פאַר אַ גראָמאָבוי*)! פון וועמען האָט איר דאָס געמאָלן?

— דאָס איז פון איינעם... — האָט טשאַרטקאָוו אַ זאָג געטון, און נישט דערענדיקנדיק די ווערטער, האָט זיך דערהערט אַ קראַך. משמעות דער קוואַרטאַלני האָט צו פעסט אָנגעטאַפּט די רעם פון פּאָרטרעט, אַ דאַנק דעם אייזערנעם געבוי פון זיינע פּאָליצייאישע הענט, האָבן זיך די ווינקעל-ברעטלעך איינגעבראָכן; איין ברעטעלע איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע, גלייכצייטיק איז מיט איר מיטגעפאַלן, שווער אַ קלאַפּ טוענדיק, אַ טיטל אין אַ בלאָען פּאַפּיר. טשאַרטקאָוון האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין דער אויפשריפט: „1000 טשערוואָנצעס". ווי אַ משוגענער האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אים אויפצוהייבן, ער האָט געכאַפּט דעם טיטל, קראַמפּהאַפטיק צוגעקוועטשט אין דער האַנט, אַראָפּלאָזנדיק אין דער נידער זיין משא.

— אַזוי ווי עס וואָלט עפּעס געלט געקלינגען? — האָט דער קוואַרטאַלני אַ זאָג געטון, הערנדיק דעם קלאַנג פון עפּעס, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע און נישט געקאָנט דערזען

---

*) גראָמאָבוי — אַ העלד פון זשוקאָווסקיס אַ פּאָעמע „צוועלף שלאָפנדיקע מיידלעך"; ער האָט פאַרקויפט דעם טייוול די נשמה.

דער שנעלער באַוועגונג, מיט וועלכער טשאַרטקאָוו האָט זיך אַ וואָרף געטון צו כאַפּן דאָס.

— וואָס גייט אייך אָן וואָס בײַ מיר איז פאַראַן?

— עס גייט מיך יאָ אָן, ווייל איר דאַרפט דעם ווירט באַלד באַצאָלן פאַר דער וווינונג, בײַ אייך איז פאַראַן געלט, נאָר איר ווילט נישט צאָלן — אָט וואָס.

— כ׳וועל אים היינט באַצאָלן.

— פאַרוואָס־זשע האָט איר אים פריער נישט געוואָלט באַצאָלן, איר באַאומרויקט דעם ווירט און אַליאַרמירט די פּאָליציי?

— דערפאַר ווייל דאָס געלט האָב איך נישט געוואָלט רירן. היינט נאָך בײַנאַכט איך אים אַלץ און צי זיך מאָרגן אַרויס פונדאַנען. איך וויל נישט בלייבן בײַ אַזאַ ווירט.

— נו, איוואַן איוואַנאָוויטש, ער וועט אייך באַצאָלן, — האָט דער קוואַרטאַלני, ווענדנדיק זיך צום ווירט, אַ זאָג געטון, — און אויב כ׳מיין אַקעגן דעם, אויב איר וועט נישט זיין דערלעדיקט ווי געהעריק נאָך היינטיקן אָוונט, דעמאָלט, אָ, וועט איר מוחל זיין, הער מאָלער, — דאָס זאָגנדיק, האָט ער אָנגעטון זיין דרייעקיקן הוט און איז אַרויס אין קאָרידאָר, נאָך אים דער ווירט, האַלטנדיק דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי אין עפּעס פאַרטראַכט.

— דאַנקען גאָט! דער טייוול האָט זיי שוין אָוועקגעטראָגן! — האָט טשאַרטקאָוו אַ זאָג געטון, ווען ער האָט דערהערט זיי צומאַכן די טיר אין פאָדערצימער. ער האָט אַרויסגעקוקט אין פאָדערצימער, אָוועקגעשיקט נאָך עפּעס ניקיטען, כדי צו זיין לגמרי אַליין, האָט פאַרשלאָסן נאָך אים די טיר, און אומקערנדיק זיך צוריק צו זיך אין צימער, האָט ער זיך אַ נעם געטון מיט אַ שטאַרק האַרץ־ציטערניש דעם טיטל אויפצוּוויקלען. אין אים זענען אויף אַן אמת געווען טשערוואָנצעס, איינע בײַ איינע בייע, הייסע ווי פייער. כמעט אַן אומזיניקער איז ער געזעסן פאַר דעם גאָלדענעם בערגל און כסדר זיך געפרעגט: „איז עס נישט אַמאָל אַ חלום?“ אינם

טיטל זענען געווען גראַד 1000 ; זיין אויסערלעכקייט איז געווען פּונקט די זעלבע ווי ער האָט געזען אין חלום. אייניקע מינוט האָט ער זיי געפּרווט, דורכגעקלונגען, דורכגעקוקט און ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט צו זיך קומען. אין זיין דמיון האָבן פּלוצלינג אויפגעלעבט די אַלע לעגענדעס וועגן אוצרות, שקאַטולקעס מיט געהיימע קעסטעלעך, וואָס זענען איבערגעלאָזט געוואָרן פון אורעלטערן פאַר די פאַראַרימטע אייניקלעך, מיט דער פעסטער זיכערקייט אויף זייער צוקונפטיקער פאַרשווענדערישער לאַגע. ער האָט געטראַכט אַזוי: „צי וואָלט דען נישט אויך איצטער עפּעס אַ זיידעשי צוגעטראַכט איבערצולאָזן פאַר זיין אייניקל אַ מתנה, באַהאַלטנדיק זי אין דער רעם פון פאַמיליען־פּאָרטרעט?” פול מיט ראָמאַנטישע דמיונות האָט ער אפילו אָנגעהויבן טראַכטן: צי האָט נישט אַמאָל דערדאָזיקער פאַל עפּעס אַ שייכות מיט זיין גורל? צי האָט נישט עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג די עקזיסטענץ פון דעם פּאָרטרעט מיט זיין אייגענער עקזיסטענץ און צי איז אין דעם פאַרשאַפן אים גופא נישט פאַראַן עפּעס אַ פאַרבאַשטימונג? ער האָט אָנגעהויבן נייגיריק באַטראַכטן די רעם פון פּאָרטרעט. אין איין זייט פון איר איז געווען אויסגעהוילט אַ חלל, פאַרדעקט מיט אַ ברעטעלע אַזוי געשיקט און באַמערקבאַר, אַז ווען נישט די ריזיקע האַנט פון קוואַרטאַלני וואָלט אויסגעפירט דעם אויפברוך, וואָלטן די טשערוואָנצעס עד סוף עולם געבליבן אין זייער רו. באַטראַכטנדיק דעם פּאָרטרעט האָט ער אויפסניי זיך נישט געקאָנט אָפּוונדערן אויף די הויכע אַרבעט און אויסערגעוויינלעכע באַאַרבעטונג פון די אויגן: זיי האָבן זיך אים שוין נישט אויסגעוויזן שרעקלעכע, אָבער עס איז אַלץ נאָך געבליבן יעדעס מאָל אויף דער נשמה עפּעס אַן אומוויליק אומאָנגענעם געפיל. — „ניין, — האָט ער אין זיך זעלבסט געזאָגט: ווער דו זאָלסט נישט זיין, זיידע, איך וועל דיך שטעלן אונטער אַ גלאָז און וועל דיר דערפאַר מאַכן אַ גאָלדענע רעם”. דאָ האָט ער אַ שאַר געטון מיט דער האַנט אינם גאָלדענעם בערגל, וואָס

איז פאַר אים געלעגן און דאָס האַרץ האָט שטאַרקער אָנגעהויבן קלאַפּן פון דערדאָזיקער באַרירונג. „וואָס זאָל איך טון דערמיט? — האָט ער אַ טראַכט געטון, אַפּשטעלנדיק דערויף די אויגן. — איצ־ בין איך פאַרזאָרגט, לכל הפּחות, אויף דריי יאָר; איך קאָן מיך פאַרשליסן אין צימער און אַרבעטן, אויף פאַרבן האָב איך שוין איצט. אויף מיטאָגן, אויף טיי, אויף אויסהאַלטונג, אויף דירה־געלט — איז דאָ. קיינער וועט מיך איצטער נישט וואַגן צו באַאומרויקן און צו שטערן. איך וועל מיר קויפן אַ פיינעם מאַנעקין*), וועל מיר באַשטעלן אַ גיפּסענעם טאָרס**), וועל מיר אויספאָרמירן פיסלעך, אַוועקשטעלן וועגערען, קויפן גראַווירונגען פון די ערשטע בילדער. און אויב איך וועל אָפּאַרבעטן אַ דריי יאָר צייט פאַר זיך, נישט איילנדיק זיך, נישט אויף צו פאַרקויפן, וועל איך זיי אַלע פאַר־שטופן און קאָן ווערן אַ באַרימטער מאָלער“.

אַזוי האָט ער געטראַכט צוזאַמען מיט זיין אונטערזאָגנדיקער באַדייטונג; אָבער אינערלעך האָט זיך געלאָזט הערן אַן אַנדערע שטימע, אַ העכבאַרערע און אַ קלינגענדערע. און ווען ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויף דעם גאָלד, האָבן אָנגעהויבן צו רעדן אין אים זיינע 22 יאָר און די פלאַמענדיקע יוגנט. איצטער איז אין זיין מאַכט געווען דאָס אַלץ, אויף וואָס ער האָט ביז איצט געקוקט מיט קנאהדיקע אויגן, מיט וואָס ער האָט זיך געקוויקט פונדערווייטנס, שלינגענדיק דאָס שפייעכץ. אָ־אָך, האָט זיך בא אים אַ צינד אָן געטון זיין פייערדיקייט, ווען ער האָט זיך אין דעם דערמאַנט! אָנטון זיך אין אַ מאָדישן פראַק, אָנפּיקן זיך נאָך דעם לאַנגן תענית, דינגען זיך אַ פּרעכטיקע וווינונג, די מינוט שוין אַוועקגיין אין טעאַטער, אין צוקערניע און... און אַזוי ווייטער —

*) מאַנעקין — בא מאָלער אַ הילצערנע פיגור מיט שרייפלעך, וואָס דערלויבט צו מאַכן מיט איר פאַרשידענע פּאָזעס.

**) טאָרס — אַ קערפּער פון אַן אַנטיק־סטאַטוע.

און כאַפּנדיק דאָס געלט, איז ער כּהרף עין געווען אויף דער גאַס.

קודם כּל איז ער אַריין אין אַ קליידער-מאַגאַזין, אָנגעטון זיך פון קאָפּ ביז פיס, און ווי אַ קינד, אומאויפהערלעך זיך אָנ־געהויבן צו באַטראַכטן; אָנגעקויפט פּערפומען, פּאָמאַדעס, געדינגען אויף נעווסקי פּראָספּעקט, נישט דינגענדיק זיך, די ערשטע אָנגע־טראָפענע וווינונג, מיט שפּיגלען און גאַנצע שויבן; פּלוצלינג אַ קויף געטון אין אַ מאַגאַזין אַ טייערן לאָרנעט, פּלוצלינג אויך אָנגעקויפט זיך אַ גרויסע צאָל פאַרשידענע קראַוואַטן, פיל מער וויפיל עס איז אים נויטיק געווען, געלאָזט זיך קרייזלען באַם פּריזירער לאָקן, איבערגעפאָרן זיך אין אַן עקיפּאַזש צוויי מאָל איבער די שטאָט אָן שום סיבה, אָנגעגעסן זיך אין אַ קאָנדיטאָריי מיט זיסיקייטן אָן אַ מאָס און איז אַריין צום פראַנצויז אין רעסטאָ־ראַן, וועגן וועלכן ער האָט ביז איצטער נאָר געהערט אַזעלכע בעפלהאַפטע ווערסיעס, ווי וועגן כינעזישן קעניגרייך. ער האָט דאָרטן מיטאָג געגעסן, צעשפּרייטנדיק זיך אויף זיין שטול, וואַרפנ־דיק געניג שטאָלצע בליקן אויף די אַרומיקע און אומאויפהער פאַריכטנדיק קעגנאיבער דעם שפּיגל זיינע געקרייזלטע לאָקן. ער האָט אויך אויסגעטרונקען אַ פלאַש שאַמפּאַניער, וועגן וועלכן עס איז אים אויך ביז איצטער באַקאַנט געווען מער פון הערן. דער וויין האָט אַ ביסל אָנגעהויבן רוישן אין קאָפּ און ער איז אַרויס אויף דער גאַס אַ לעבעדיקער, אַ קאַמפּסלוסטיקער, לויט דעם רו־סישן אויסדרוק — „דער רוח נעמט אים נישט". ער איז זיך אי־בערגעגאַנגען איבערן טראָטואַר מיט אַ שיק, אָנשטעלנדיק אויף אַלעמען דעם לאָרנעט. אויפן ברוק האָט ער באַמערקט זיין געוועזענעם פּראָפעסאָר, האָט ער זיך דורכגעשלייכט לעבן אים, ווי ער וואָלט אים לגמרי נישט באַמערקט, אַזוי, אַז דער דערשטוינטער פּראָפעסאָר איז לאַנג נאָך געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך אויפן ברוק, אויסדריקנדיק אויף זיין פּנים אַ פראַגע־צייכן.

אַלע זאַכן און אַלע מכשירים: דאָס מאָלברעט, לייוונטן,

בילדער, זענען דעם זעלבן אָוונט נאָך איבערגעפירט געוואָרן אויף דער פּרעכטיקער וווינונג. וואָס עס איז געווען שפּעט השובס, האָט ער צעשטעלט אויף אָנגעזעענע ערטער, וואָס מיגדערוועורטיקס, האָט ער פאַרוואָרפן אין אַ ווינקל און זיך בנעימות געשפּאַצירט איבער די הערלעכע צימערן, כסדר קוקנדיק אין די שפּיגלען אַריין. אין זיין נשמה איז געבוירן געוואָרן דער אומבאַקעמפנדער חשק תיכף ומיד צו כאַפּן דעם רום פאַרן עק און זיך צו באַווייזן פאַר דער וועלט. באַ אים אין דער פאַנטאַזיע האָט ער שוין געהערט די אויס־געשרייען: „טשאַרטקאָוו, טשאַרטקאָוו! האָט איר שוין געזעען טשאַרטקאָווס בילד? וואָסער געשיקטער פּענזל באַ טשאַרטקאָוון! וואָסער שטאַרקער טאַלענט באַ טשאַרטקאָוון!“ אין דעמדאָזיקן אַנטציקנדן מצב האָט ער אָן אויפהער געשפּאַנט איבער זיינע צי־מערן און זיך אוועקגעטראָגן אין אומבאַוווסטע עולמות. באַלד אויפן צווייטן טאָג, נעמענדיק אַ צענדליק טשערוואָנצעס, איז ער אַוועק צו איינעם אַן אַרויסגעבער פון אַ גאַנגבאַרער צייטונג און געבעטן זיין גרויסמוטיקע הילף; די זשורנאַליסטן האָבן אים גע־מאַכט אַ פריינטלעכן קבלת־פּנים, האָבן אים גלייך אָנגערופן „חשוב־טער“, געדריקט אים ביידע הענט, אויסגעפרעגט בפרטיות וועגן זיין נאָמען, פאָטערנאָמען, וווינונגס־אָרט, און אויפן אַנדערן טאָג שוין איז דערשינען אין דער צייטונג, באַלד נאָך דער מעלדונג וועגן די ניי־דערפונדענע חלבנע ליכט, אַן אַרטיקל מיט אַזאַ קעפּל:
„אודות דער אויסערגעוויינלעכער טאַלאַנטכּולקייט פון טשאַרטקאָוון“. „מיר איילן זיך צו דערפרייען די אינטעליגענטע איינוווינער פון דער הויפּט־שטאָט מיט דער וווּנדערבאַרער, אין אַלע אופנים, ווי מ׳קען זיך אויסדריקן, חשובער דערוועורבונג. עס וועלן אַלע מסכים זיין דערמיט, אַז באַ אונז געפינען זיך הערלע־כע פיזיאָנאָמיעס און וווּנדערשיינע געזיכטער, אָבער עס איז ביז דער איצטיקער צייט נישט געווען די מעגלעכקייט, מען זאָל זיי קאָנען איבערגעבן דער וווּנדערשאַפנדער לייוונט, עס זאָל קאָנען פאַראייביקט ווערן לדורות. איצטער איז דערדאָזיקער מאַנגל

געוואָרן דערגענצט : עס האָט זיך אָפּגעזוכט דער קינסטלער, וואָס פאַרייניקט אין זיך אַלץ, וואָס ס'איז נויטיק דערצו. איצטער קאָן אַ שיינקייט זיין זיכער, אַז זי וועט ווערן איבערגעגעבן מיט איר גאַנצער גראַציעזקייט, מיט איר לופטיקייט, לייכטקייט, פאַרכשופּטקייט, אַנגענעמקייט, פּרעכטיקייט, ענלעך צו אַ שמעטערלינג, וואָס פליט איבער פּרילינגס־בלומען. אַ בכבודער פאַמיליען־פאָטער וועט זיך קאָנען זעען אַרומגערינגלט מיט זיין גאַנצער משפּחה. דער סוחר, מיליטער־מאַן, שטאַאַטס־מאַן, מלוכה־מאַן — יעדער וועט מיט אַ נייער קנאה קאָנען פאַרזעצן זיין קיום. איילט אייך, איילט אייך, טרעט אָפּ פון פאַרוויילונג, פון שפּאַציר, וואָס איר האָט געמאַכט צו אַ פריינט, צו אַ קוזין, אָדער פון גלענצנדן מאַגאַזין, איילט פון וואַנען עס זאָל נישט זיין. דאָס פּראַכטפולע אַרבעטס־צימער פונם מאָלער (נעווסקי פּראָספּעקט, דער און דער נומער) איז אינגאַנצן באַהאָנגען מיט פּאָרטרעטן פון זיין פּענזל, וועלכע מען קאָן פאַרגלייכן מיט זייער חשובות צו די בילדער פון וואַן דיק*) און טיציאַנען. דו ווייסט נישט וואָס צו באַוואונדערן. דאָס טריישאַפט און ענלעכקייט צו די אָרגינאַלן אָדער דאָס אויסערגעוויינלעכע קלאָרקייט און פרישקייט פון פּענזל.

אַ לויב אייך, קינסטלער ! איר האָט אַרויסגעצויגן אַ גליקלעכן בילעט אויף דער לאָטעריע. וויוואַט, אַנדרעי פּעטראָוויטש ! (דער זשורנאַליסט, ווייזט אויס, האָט ליב געהאַט צו זיין פאַמיליאַר). פאַרהערלעכט זיך אין אונז. מיר קאָנען אייך שעצן. אַ געמיינזאַם צוזאַמענטרעפן זיך, גלייכצייטיק אויך געלט, — הגם אייניקע פון אונזערע ברודער, זשורנאַליסטן, וועלן אַרויסטרעטן קעגן אייך, — וועט אייך זיין פאַר אַ באַלוינונג״.

מיט אַ געהיימע צופרידנהייט האָט דער מאָלער איבערגע-

---

*) וואַן־דיק — אַ באַרימטער פלאַמאַנדישער מאָלער, געבוירן 1599 געשט. 1641.

לעזן דידאַזיקע מעלדונג. ווען אים האָט מען אָנגעהויבן רעדן אין דרוק — דאָס איז פאַר אים געווען אַ נייעס: עטלעכע מאָל האָט ער איבערגעלייענט די שורות. די פראַזע: „וויוואַט, אַנדרעי פּעטראָוויטש", האָט אים אויך שטאַרק געפעלן. אויפן געדרוקטן אופן רופט מען אים אָן מיטן נאָמען און פאָטערנאָמען — אַ כבוד, וואָס איז אים ביז היינט גענצלעך אומבאַקאַנט געווען. ער האָט אָנגעהויבן שנעל אומגיין איבערן צימער, צעשויבערט זיך די האָר. דאָ האָט ער זיך געזעצט אויף די שטולן, דאָ איז ער אויפגעשפרונגען און געזעצט זיך אויף דער סאָפע, מינוטנווייז פאָרשטעלנדיק, ווי אַזוי ער וועט אויפנעמען באַזוכער און באַזוכערינס. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ לייוונט און אויסגעפירט איבער אים אַ שלעכטן שמיר מיטן פענזל, פרווונדיק איבערצוגעבן אַ גראַציעזע באַוועגונג מיט דער האַנט.

אויפן אַנדערן טאָג האָט זיך געלאָזט הערן דאָס גלעקל באַ זיין טיר; ער איז צוגעלאָפן עפענען. עס איז אַריינגעקומען אַ דאַמע, וועלכע איז באַגלייט געוואָרן פון אַ לאָקיי מיט אַ ליוורעענעם שינעל אויף פוטער, און צוזאַמען מיט דער דאַמע איז אַריינגעקומען אַ יונגיטשקע אַכצן יעריקע פריילין, איר טאָכטער.

— איר זענט מאָסיע טשאַרטקאָח? — האָט געזאָגט די דאַמע.

דער מאָלער האָט זיך פאַרנייגט.

— וועגן אייך שרייבט מען אַזוי פיל; אייערע בילדער, זאָגט מען, זענען איבער דער פולקאָמענהייט.

דאָס זאָגנדיק, האָט די דאַמע אָנגעשטעלט אויף אירע אויגן איר לאָרנעט און געלאָפן שנעל באַטראַכטן די ווענט, אויף וועלכע עס איז גאָרנישט געווען. — ווו־זשע זענען אייערע פּאָר־טרעטן?

— מען האָט זיי צורויסגעטראָגן, — האָט דער מאָלער גע־זאָגט עטוואָס צעמישט: — איך האָב זיך נאָר־וואָס אַריבערגעצויגן

אויף דער וווינונג, אַזוי דאָס זיי זענען נאָך אין וועג... זיי זענען נאָך נישט אָנגעקומען.

— זענט איר געווען אין איטאַליע? — האָט די דאַמע געזאָגט, אָנשטעלנדיק אויף אים דעם לאָרנעט, נישט געפינענדיק גאָרנישט עפעס אַנדערש מיט וואָס אים צו פאַראינטערעסירן.

— ניין, איך בין נישט געווען, נאָר איך וואָלט וועלן זיין... איבעריקנס, איצט האָב איך דאָס פאַרלויפיק אָפּגעלייגט... אָט זענען שטולן, איר זענט מיד?

— איך דאַנק, איך בין לאַנג געזעסן אין דער קאַרעטע. אַ, אָט זע איך דאָרט אייער אַרבעט! — האָט די דאַמע געזאָגט, צולויפנדיק צו דער קעגנאיבערדיקער וואַנט און אָנשטעלנדיק דעם לאָרנעט אויף דער פּאָדלאָגע אָנגעשטעלטע עטיודן, פּראָג־ראַמען, פּערספּעקטיוון און פּאָרטרעטן. — C'est charmante, Lise! Lise, vener ici.*) דאָס צימער איז אין טעניערס**) געשמאַק. זעסט? אַן אומאָרדנונג, אַן אומאָרדנונג, אַ טיש, אויף אים אַ ביוסט, אַ האַנט, אַ פּאַלירטע; אָט, דאָרט שטויב... זעסט, ווי דער שטויב איז אויפגעמאָלן! C'est Charmant! און אָט אויף דער צווייטער לייוונט אַ פרוי, וועלכע וואַשט זיך דאָס פּנים! — quelle jolie figure!***) — אַך, אַ פויערל! Lise, Lise, אַ פויערל אין אַ רוסיש העמדל! קוק: אַ פויערל! פאַרנעמט איר זיך נישט דווקא בלויז מיט פּאָרטרעטן?

— אָ, דאָס איז אומזין... אַזוי זיך, אָנגעוווּיוועט... עטיודן...

— זאָגט, איך בעט אייך, וואָס איז אייער מיינונג לגבי די־

---

*) דאָס איז רייצנד, ליזע! ליזע, קום אהער!

**) טעניער — אַ בארימטער מאָלער פון דער פלאמאנדישער שולע געשט. אין 1694 יאָר.

***) וואָס פאַר אַ גוט פּנימל!

הייגטיקע פּאַטרעטיסטן ? נישט וואָר, אַז היינט געפינען זיך נישט אַזעלכע, ווי עס איז געווען טיציאַן ? עס איז נישטאָ די קראַפט און קאָלאָריט, נישטאָ אַזעלכע... ווי באַדויער איך, וואָס איך קאָן זיך נישט אויסדריקן אין רוסיש (די דאַמע איז געווען אַ ליבהאָבערין פון מאָלעריי און איז אויסגעווען אין אַלע גאַלעריען פון איטאַליע), פונדעסטוועגן, מסיע נאָל... אַך, ווי ער מאָלט ! וואָס פאַר אַן אומגעוויינלעכער פענזל ! איך געפין, דאָס באַ אים איז פאַראַן מער אויסדרוק אויף די געזיכטער ווי באַ טיציאַנען. איר קענט נישט מסיע נאָלן ?

— ווער איז דאָס דער נאָל ? — האָט דער מאָלער געפרעגט.

— מסיע נאָל. אַך, וואָס פאַר אַ טאַלענט ! ער האָט פון איר געמאָלן אַ פּאָרטרעט, ווען זי האָט געהאַט צוועלף יאָר. מ׳דאַרף, דאָס איר זאָלט אומבאַדינגט באַ אונז זיין. Lise, דו ווייז אים דיין אַלבאָם. איר ווייסט, אַז מיר זענען געקומען צו פאָרן צוליב דעם, כדי איר זאָלט תיכף אָנהייבן צו מאָלן פון איר אַ פּאָרטרעט.

— וואָס זשע, איך בין גרייט אין דער מינוט, — און אין איין אויגנבליק האָט ער צוגערוקט דאָס מאָלברעט מיט אַ פאַרטיקער לייוונט, גענומען אין האַנט אַריין די פּאַליטרע*), איינגעפרעגט די אויגן אין דעם אָרימען פּנימל פון דער טאָכטער. ווען ער וואָלט געווען אַ קענער פון דער מענטשלעכער נאַטור, וואָלט ער איבערגעלייענט אין אים דעם אָנפאַנג פון קינדערישער ליידנשאַפט צו בעלער, דעם אָנפאַנג פון בענקשאַפט און פאַרדראָס אויף די שלעפנדיקע צייט ביז צום מיטאָג און נאָכן מיטאָג, אויף דעם חשק צו לויפן אין די נייע קליידער אויף פאַרוויילונגען, אויף די שווערע שפּורן פון אומאָנטיילבארער פלייס צו פאַרשידענער אַרט

---

*) פּאַליטרע — באַ מאָלער אַ הילצערן אָדערביינערן ברעטל מיט אַן עפנונג פאַר דעם גראָבן פינגער, וואָס דינט אויף צונויפצומישן די פאַרבן.

קינסט, וואָס איז באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דער מוטער אויף צו דערהייבן דעם גייסט און די געפילן. נאָר דער מאָלער האָט געזען אין דעם צאַרטן פנימל בלויז נאָר צוציעוודיקס פאַרן פענזל, כמעט פאַרצעלייענע דורכזיכטיקייט פון לייב, מיטרייסנדיק לייכטע טונקלקייט, אַ דין ליכטיק העלזל און אַן אַריסטאָקראַטישע לייכטקייט פון איר פיגורל. און שוין לכתחילה האָט ער אָנגעהויבן צו טריומפירן, צו ווייזן דאָס לייכטקייט און דעם גלאַנץ פון זיין פענזל, וואָס האָט ביז איצט געהאַט צו טון נאָר מיט שאַרפע שטריכן פון גראָבע מאָדעלן, מיט שטרענגע אַנטיקן און מיט קאָפירן וועלכן־ס׳איז קלאַסישן מייסטער. ער האָט זיך שוין פאַרגעשטעלט אין געדאַנק, ווי אַזוי עס וועט אַרויסקומען דאָס לייכטינקע פנימל.

— ווייסט איר? — האָט די דאַמע געזאָגט מיט אַ ביסל אפילו אַ רירנדן אויסדרוק פון געזיכט: — איך וואָלט וועלן... אויף איר איז איצט אַ קלייד; איך וואָלט, מוז איך מודה זיין, נישט געוואָלט, זי זאָל זיין אין קלייד, צו וועלכן מיר זענען אַזוי איינגעוווינט; איך וואָלט וועלן, דאָס זי זאָל זיין אָנגעטון פשוט און וואָלט געזעסן אין שאָטן פון גרינס, אין שיין פון וועלכע ס׳איז פעלדער, עס זאָלן זיין סטאַדעס פונדערווייטנס, אָדער לאַנקעס... עס זאָל נישט מערקבאַר זיין, אז זי פאָרט ערגעץ אויף אַ באַל אָדער אויף אַ מאָדערנעם אָוונט. אונזערע בעלער, מוז איך מודה זיין, דערשלאָגן אַזוי דעם גייסט, דערממיתן אַזוי די לעצטע געפילן... איינפאַכקייט, איר פאַרשטייט מיך, זאָל זיין מער. — (אַ, ווי! אויף די פנימער פון דער מוטער און דער טאָכטער איז אויפגעשריבן געווען, דאָס זיי האָבן זיך אַזוי אויסגעטאַנצט אויף די בעלער, דאָס זיי זענען געוואָרן כמעט נישט וואַקסענע.)

טשאַרטקאָוו האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט איינגעזעצט דעם אָריגינאַל, ער האָט פאַרגעשטעלט זיך דאָס אַלץ אין קאָפּ: איבערגעפירט איבער דער לופט מיטן פענזל, אין געדאַנק אָנשטעלנדיק פונקטן: איינגעקנייטשט עטוואָס די אויגן, צוריקגע-

פאַלן אויף הינטן, געקוקט פונדערווייטנס, און אין איין שעה האָט ער אָנגעהויבן און געענדיקט דאָס אונטערמאָלן. צופרידן דערפון, האָט ער זיך פאַרנומען נאָך צו מאָלן; די אַרבעט האָט אים אָנגעצויגן; שוין האָט ער אין אַלעם פאַרגעסן, ער האָט אפילו פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אין קעגנוואַרט פון אַריסטאָקראַטישע דאַמען, ער האָט אָנגעהויבן אפילו אַרויסצווייזן געוויסע מאָלערישע אָנגריפן, אַרויסלאָזנדיק אויפן קול פאַרשידענע קלאַנגען, צייטנווייז אונטערזינגענדיק, ווי עס טרעפט בײַ אַ מאָלער, פאַרטיפט מיט זיין גאַנצער נשמה אין זיין אַרבעט. אָן יעדער צערעמאָניע, מיט איין באַוועגונג מיטן פענזל, האָט ער געצוואונגען דעם אָריגינאַל אויפצוהייבן דעם קאָפּ, וועלכער האָט, לסוף, שטאַרק אָנגעהויבן דרייען זיך און אויסצודריקן אַ פולשטענדיקע מידקייט.

— גענוג, פאַרן ערשטן מאָל גענוג, — האָט די דאַמע געזאָגט.

— נאָך אַ ביסל, — האָט געזאָגט דער זיך פאַרגעסנדיקער מאָלער.

— ניין, שוין צייט! Lise, דריי דער זייגער! — האָט זי געזאָגט, אַרויסנעמענדיק אַ קליין זייגערל, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ גאָלדן קייטל אויף איר לייב־בינדע, און אויסגעשריגן: — אַך, ווי שפּעט!

— אַ מינוטקעלע נאָר! — האָט געזאָגט טשאַרטקאָוו מיט אַ תמימותדיקע און בעטנדיקע שטימע פון אַ קינד.

נאָר די דאַמע, ווייזט אויס, איז לגמרי נישט געווען אויפגעלייגט דאָסמאָל צו באַפרידיקן זיין קינסטלערישן חשק און פאַרשפּראָכן, אָנשטאָט איצט, דאָס אַנדערע מאָל לענגער צו זיצן.

„דאָס איז, פונדעסטוועגן, פאַרדראָסיק“ — האָט פאַר זיך געטראַכט טשאַרטקאָוו: — „די האַנט איז זיך נאָר־וואָס צעגאַנגען“. — און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז קיינער האָט אים נישט איבערגעריסן און נישט אָפּגעשטעלט, ווען ער האָט געאַרבעט אין זיין אַרבעטס־צימערל אויף וואַסיליעווער קוואַרטאַל. ניקיטאַ פלעגט

זיצן, נישט רירנדיק זיך, אויף איין אָרט — מאָל פון אים וויפיל דו ווילסט; ער איז אפילו אַנטשלאָפן געוואָרן אין דער אָנגעשטעלטער פּויזע. און, אַן אומצופרידענער, האָט ער אַוועקגעלייגט זיין פּענזל און פּאַליטרע אויפן טיש און אַן אומעטיקער זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער לייוונט.

דער קאָמפּלימענט, וואָס איז געזאָגט געוואָרן פון דער וועלטלעכער דאַמע, האָט אים אויפגעוועקט פון אַנדרימלונג. ער האָט זיך שנעל געוואָרפן צו דער טיר זיי צו באַגלייטן; אויף די טרעפ האָט ער באַקומען אַן איינלאַדונג זיי צו באַזוכן, צו קומען אויף דער קינפטיקער וואָך מיטאָגן און מיט אַ פריילעכן אויסזען האָט ער זיך אומגעקערט צו זיך אין צימער. די אַריסטאָקראַטישע דאַמע האָט אים אינגאַנצן פאַרכשופט. ביז איצט האָט ער געקוקט אויף דידאָזיקע וועזנס, ווי אויף עפּעס נישט דערגרייכבאַרס, — וועלכע זענען געבוירן געוואָרן נאָר צוליב דעם, אַז זיי זאָלן פאָרן אין די פּראַכטפולע קאַרעטעס מיט די ליווריען-באַצירטע לאָקייען און עלעגאַנטע קוטשערס און צו וואַרפן אַ גלייכגילטיקן בליק אויף אַ פוס-שפּאַנענדיקן און אָרים-געקליידטן מענטש. און פּלוצלינג איז איצט איינע פון דידאָזיקע וועזנס אַריינגעקומען צו אים אין צימער; ער מאָלט איר אַ בילד, איינגעלאַדן געוואָרן אויף מיטאָג אין אַריסטאָקראַטישן הויז. אַן אומגעווייגלעכע צופרידנהייט האָט אים באַהערשט; ער איז געווען פאַרשיכורט אינגאַנצן און דערפאַר האָט ער זיך מכבד געווען מיט אַ פיינעם מיטאָג, מיט אַן אָוונטספּעקטאַקל, און ווידער זיך איבערגעפאָרן אין אַ קאַרעטע איבער דער שטאָט אָן שום באַדאַרף.

אין אַלע דידאָזיקע טעג איז אים די איינגעווינטע אַרבעט לגמרי נישט געקומען אויפן געדאַנק. ער האָט נאָר געהאַלטן אין איין צוגרייטן זיך און דערוואַרט די מינוט, ווען עס וועט זיך לאָזן הערן דאָס טיר-גלעקל. ענדלעך איז די אַריסטאָקראַטישע דאַמע געקומען צו פאָרן צוזאַמען מיט איר בלייך טעכטערל. ער האָט זיי איינגעזעצט, צוגערוקט די לייוונט שוין מיט פלינקייט און מיט

פרעטענזיעס אויף וועלטלעכן מאניער און אנגעהויבן מאלן. דער וויניקער טאג און די העלע באלויכטונג האבן אים פיל געהאלפן. ער האט דערזעען אין זיין לייכטינקן אריגינאל א סך אזעלכעס, וואס ווערנדיק אויפגעכאפט און איבערגעגעבן אויף דער לייוונט, האט געקאנט צוגעבן דעם פארטרעט א הויכן ווערט; ער האט דערזעען, אז מען קאן מאכן עפעס־וואס באזונדערס, אויב מען זאל אויספילן אלץ אין אזא פארענדיקטקייט, אין וועלכער עס האט איצט פארגעשטעלט די נאטור. דאס הארץ זיינס האט אנגעהויבן אפילו לייכט צו ציטערן, ווען ער האט דערפילט, דאס ער וועט אויסדרוקן דאס, וואס עס האבן נאך אנדערע נישט באמערקט. די ארבעט האט אים אינגאנצן פארכאפט; ער האט זיך אינגאנצן פארזונקען אינם פענזל, ווידער פארגעסנדיק אינם אריסטאקראטישן שטאם פון אריגינאל. מיט א פארכאפנדיקן אטעם, האט ער געזעען, ווי עס זענען בא אים ארויסגעקומען לייכטע שטריכן און דאס כמעט דורכזיכטיקע, איידעלע לייב פון א זיבצעניעריק מיידל. ער האט געכאפט יעדע שאטירונג, דאס לייכטע געלבלעכקייט, די קוים באמערקבארע בלויקייט אונטער די אויגן, און ער האט זיך שוין געגרייט אויפצוכאפן דעם קליינעם פרישטשיק, וואס איז ארויפגעשפרונגען אויפן שטערן, ווי ער האט פלוצלינג דערהערט איבער זיך די שטימע פון דער מוטער:

— אך, צו וואס דאס? דאס איז נישט נייטיק, — האט געזאגט די דאמע. — בא אייך אויך... אט, אין אייניקע ערטער... אזוי ווי עס וואלט זיין א ביסל געל, און אט דא איז אינגאנצן ווי טונקעלע פלעקעלעך...

דער מאלער האט אנגעהויבן צו דערקלערן, אז די דאזיקע פלעקעלעך און דאס געלקייט צעשפילן זיך גראדע גוט, אז זיי שטעלן פאר אן אנגענעמען און לייכטן טאן פון פנים. נאר מען האט אים אפגעענטפערט, אז זיי שטעלן נישט פאר קיין שום טאן און אז זיי צעשפילן זיך נישט לגמרי, און אז דאס דאכט זיך אים נאר אזוי.

— נאָר דערלויבט, דאָ, אויף איין אָרט נאָר, איז אָנגערירט עטוואָס מיט געלבלעכע פאַרב — האָט תמימותדיק געזאָגט דער מאָלער. נאָר דאָס אפילו האָט מען אים אויך נישט דערלויבט. עס איז געמאָלדן געוואָרן, דאָס Lise איז נאָר היינט אַ ביסל נישט אויפגעלייגט, און אַז קיין שום געלקייט איז בא איר נישט פאַראַן, און דאָס פנים אירס דערשטוינט אויסערגעוויינלעך מיט דער פרישקייט פון איר פאַרב. מיט באַטריבטקייט האָט ער זיך גענומען אויסגלעטן דאָס, וואָס זיין פענזל האָט אים געצוווּנגען אַרויסצוברענגען אויף דער לייוונט. עס זענען פאַרשוווּנדן אַ סך כמעט נישט מערקבאַרע שטריכן, און צוזאַמען מיט זיי איז אויך טיילווייז פאַרשוווּנדן די ענלעכקייט. ער האָט אומפילבאַר אָנגעהויבן צוגעבן אים דעם אַלגעמיינעם קאָלאָריט, וועלכער עס ווערט געגעבן אויף אויסנווייניק און פאַרוואַנדלט די געזיכטער, גענומענע אפילו פון דער נאַטור, אין עפּעס קאַלט־אידעאַלע, וועלכע ווערן געזעען אויף די שילערישע פּראָגראַמען. נאָר די דאַמע איז געווען צופרידן מיט דעם, וואָס דער באַליידיקנדער קאָלאָריט איז געווען אינגאַנצן פאַרווישט. זי האָט אַרויסגעזאָגט נאָר איר פאַרוווּנדערונג, וואָס די אַרבעט דויערט אַזוי לאַנג און האָט צוגעגעבן, אַז זי האָט געהערט, אַז ער זאָל כלומרשט קאָנען אין צוויי סעאַנסן פולקאָם פאַרענדיקן אַ פּאָרטרעט. דער מאָלער האָט גאָרנישט געפונען דערויף וואָס צו ענטפערן. די דאַמען האָבן זיך אויפגעהויבן און געקליבן זיך אַרויסצוגיין. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם פענזל, באַגלייט זיי ביז צו דער טיר און נאָכדעם געבליבן שטיין אַן אומרויקער אויף איין און דעם זעלבן אָרט, פאַר זיין פּאָרטרעט.

ער האָט אויף אים געקוקט נאַריש, און אין זיין קאָפּ האָבן זיך גלייכצייטיק געטראָגן די לייכטע ווייבלעכע שטריכן, די שאַטירונגען און לופטיקע טענער, פון אים באַמערקטע, וועלכע עס האָט אומדערבאַרמיק פאַרניכטעט זיין פענזל. זייענדיק אינגאַנצן פול מיט זיי, האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם פּאָרטרעט אין אַ זייט און האָט אויפגעזוכט בא זיך ערגעץ־ווו אַ פאַרוואָרפן קעפּל פון פּסיכע, וועל־

בעס ער האָט אַמאָל שוין לאַנג און עקסיזימעסיק אָנגעוואָרפן אויף דער לייוונט. דאָס איז געווען אַ פּנימל, געשיקט אויפגעמאָלן, גאָר פולשטענדיק אַן אידעאַלס, אַ קאַלטס, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז אַלגעמיינע שטריכן, נישט אָנגעמענדיק קיין לעבעדיק לייב. פון נישט האָבן וואָס צו טון, האָט ער איצט אָנגעהויבן איבערצוגיין איבער אים, דערמאַנענדיק זיך אויף אים דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך אים געטראָפן צו באַמערקן אין דעם געזיכט פון דער אַריסטאָקראַטישער באַזוכערין. די געמאַכטע פון אים שטריכן, שאַטירונגען און טענער האָבן זיך דאָ געלייגט אין דעם גערייניקטן אויסזעען, אין וועלכן זיי באַווייזן זיך דעמאָלט, ווען דער מאָלער, אָנקוקנדיק זיך אויף דער נאַטור, האָט זיך שוין דערווייטערט פון איר און פּראָדוצירט איר אַן ענלעכע שאַפונג.

פסיכע האָט אָנגעהויבן אויפצולעבן, און אַ קוים דורכזעבאַרער געדאַנק האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קערפּער. דער טיפּ פון געזיכט פון דעם יונגיטשקן וועלטלעכן מיידל האָט זיך אומווילִיק איבערגעגעבן פסיכען, און דורכדעם האָט זי באַקומען אַן אייגנאַרטיקן אויסדרוק, וואָס גיט דאָס רעכט אויף אָנצורופן אַ וואָרהאַפטיק-אָריגינעלע שאַפונג. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט טיילווייז און אַלץ צוזאַמען אויסגענוצט, וואָס דער אָריגינאַל האָט פאָרגעשטעלט, און ער האָט זיך אינגאַנצן צוגעבונדן צו זיין אַרבעט. אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג איז ער געווען פאַרנומען נאָר מיט איר. און בא דער זעלבער אַרבעט האָט געטראָפן אים דער צופאָר פון אונזערע באַקאַנטע דאַמען. ער האָט נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען דאָס בילד פון מאָלברעט. ביידע דאַמען האָבן אַרויסגעלאָזט אַ פריידיקן אויסגעשריי פון דערשטוינונג און געפּאַטשט מיט די הענט.

— Lise, Lise, אַך, ווי ענלעך! Superbe, superbe!*)

) פראַכטפול ! פראַכטפול

ווי גוט איר האָט צוגעטראַכט, וואָס איר האָט זי אָנגעטון אין אַ
נריכישן קאָסטיום! אָך, וואָס פאַר אַ סיורפּריז.

דער מאָלער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי אַרויסצונעמען די
דאַמען פון דעם אָנגענעמען טעות. באַראַטנדיק זיך מיט זיין געוויסן און פאַרזינקענדיק דעם קאָפּ, האָט ער אַרויסגערעדט שטיל:

— דאָס איז פּסיכע.

אין געשטאַלט פון פּסיכע! C'est charmant, — האָט געזאָגט די דאַמע, שמייכלענדיק, בשעת וואָס עס האָט אויך געשמייכלט די טאָכטער. — נישט וואָר, Lise, דיר קליידט צום בעסטן צו זיין פאַרגעשטעלט אין געשטאַלט פון פּסיכע? Quelle idee delicieuse*)! נאָר וואָס פאַר אַן אַרבעט! דאָס איז קאָרעדזשאָ**). איך מוז מודה זיין, איך האָב געלעזן און געהערט פון אייך, נאָר איך האָב נישט געוווסט, אַז בא אייך איז אַזאַ טאַלענט. ניין, איר דאַרפט אומבאַדינגט מאָלן אויך פון מיר אַ פּאָרטרעט.

די דאַמע, ווי עס זעט אויס, האָט זיך אויך געוואָלט פאַרשטעלן אין געשטאַלט פון עפּעס אַ פּסיכע.

„וואָס זאָל איך מיט זיי מאַכן? — האָט דער מאָלער געטראַכט. — אויב זיי אַליין ווילן דאָס, טאָ זאָל פּסיכע אָנגיין פאַר דעם, וואָס זיי ווילן", — און אַרויסגערעדט אויפן קול:

— באַמיט אייך נאָך אַ ביסעלע צוצוזעצן זיך, איך וועל נאָך עפּעס-וואָס צורירן.

— אָך, איך האָב מורא, דאָס איר זאָלט נישט אַמאָל... זי איז איצט אַזוי ענלעך.

נאָר דער מאָלער האָט פאַרשטאַנען, אַז די שרעק איז גע-

---

*) וואָס פאַר אַן אַנ ציקנדע אידעע!

**) קאָרעדזשאָ — אַ באַרימ ער איטאַליענישער מאָלער, געבוירן אין 1494, געשטאָרבן אין 1534 יאָר.

ווען אויפן חשבון פון דער געלקייט, האָט ער זיי באַרויקט, זאָגנדיק, אַז ער וועט נאָר צוגעבן מער גלאַנץ און אויסדרוק אין די אויגן. אָבער אינדעראמתן איז אים געווען שוין צופיל געוויסנהאַפטיק און עס האָט זיך אים געוואָלט וויפיל־ניסט־איז מער צוגעבן אַן ענלעכקייט מיטן אָריגינאַל, כדי עס זאָל אים ווער ניסט פאָרוואַרפן אין אַנטשלאָסענער אומפאַרשעמטקייט. און ווירקלעך, די שטריכן פון בלייכן מיידל האָבן אָנגעהויבן לסוף ארויסקומען העלערע פון פּסיכעס געזיכט.

— גענוג! — האָט די מוטער געזאָגט, אָנהייבנדיק מורא צו האָבן, דאָס די ענלעכקייט זאָל זיך ניסט דערנענטערן, לסוף, שוין צופיל נאָענט. דער מאַלער איז געוואָרן באַלוינט מיט אַלעם: מיט אַ חנדל, געלט, קאָמפּלימענטן, מיט אַן אויפריכטיק האַנטדריקן, איינלאַדונג אויף מיטאָגן, — מיט איין וואָרט, ער האָט באַקומען טויזנטער שמייכלענדע באַלויגונגען.

דער פּאָרטרעט האָט געמאַכט אין שטאָט אַ רעש. די דאַמע האָט אים געוויזן אירע פריינדינס: אַלע זענען דערשטוינט געבליבן פון דער קונסט, מיט וועלכע דער מאָלער האָט געקאָנט אָפּהיטן די ענלעכקייט און צוזאַמען מיט דעם צוגעבן אַ פאַרשענערונג דעם אָריגינאַל. דאָס לעצטע איז באַמערקט געוואָרן, פאַרשטייט זיך, ניסט אָן לייכטער פאַרב פון קנאה אויפן פּנים. און דער מאָלער איז פּלוצלינג געוואָרן באַוואָרפן מיט אַרבעט. עס האָט זיך געדאַכט, דאָס די גאַנצע שטאָט האָט געוואָלט באַ אים זיך מאָלן. באַ דער טיר האָט זיך יעדע מינוט געלאָזט הערן דאָס גלעקל. פון איין זייט וואָלט דאָס גוט געווען, געבנדיק אים אַן אומענדלעכע פּראַקטיק פון פאַרשידנאַרטיקייט און אַ גרויסע צאָל געזיכטער. נאָר, ליידער, איז דאָס געווען אַן עולם, מיט וועלכן עס איז שווער געווען זיך אַן עצה צו געבן, — אַן עולם אַ פאַרהאַוועטער, אַ פאַרנומענער, אָדער האָט ער באַלאַנגט שוין צו די וועלטלעכע, איז ער, משמעות, געווען אַ נאָך מער פאַרנומענער, ווי יעדער

אַנדערער און איבערדעם אַן אויסערכט אומגעדולדיקער. פון אַלע זייטן האָט מען נאָר געפאָדערט, אַז עס זאָל זיין גוט און שנעל. דער מאָלער האָט געזען, אַז איינגאַנצן פאַרענדיקן איז אַנטשלאָסן געוועזן אוממעגלעך, אַז אַלץ האָט מען באַדאַרפט פאַרבייטן מיט געשיקטקייט און שנעלן שווונג פון פענזל, — אויפצוכאַפּן בלויז נאָר דאָס גאַנצע, איין אַלגעמיינעם אויסדרוק און נישט פאַרטיפן זיך מיטן פענזל אין איידעלע איינצלהייטן, — מיט איין וואָרט, נאָכצופאָרשן די נאַטור אין איר פאַרענדיקטקייט איז געווען לגמרי אוממעגלעך. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן, דאָס כּמעט בײַ די אַלע, וואָס האָבן זיך געלאָזט מאָלן, איז געווען פיל אַנדערע חשקות צו פאַרשידנס. די דאַמען האָבן פאַרלאַנגט, דאָס דער עיקר נאָר זאָל די נשמה און דער כאַראַקטער זיין אויסגעדריקט אין די פּאָר־טרעטן, דאָס באַם איבעריקן זאָל ער מאַנכעס מאָל איינגאַנצן זיך נישט האַלטן, פאַררונדיקן אַלע ווינקלען, פאַרלייכטערן אַלע קנייטשן און אפילו, אויב עס איז מעגלעך, אויסמיידן זיי איינגאַנצן, — מיט איין וואָרט, מען זאָל אויף דעם פּנים זיך קאָנען פאַרקוקן, אויב נישט אפילו פולשטענדיק פאַרליבן זיך. און אַ דאַנק דעם, זעצנדיק זיך מאָלן, האָבן זיי מאַנכע מאָל אָנגענומען אַזעלכע אויסדרוקן, וועלכע האָבן דעם מאָלער געבראַכט אין דערשטוינונג: די האָט זיך באַמיט פאָרצושטעלן אויף איר געזיכט מעלאַנכאָליע, אַן אַנדערע פאַנטאַזיע, אַ דריטע האָט געוואָלט, וואָס עס זאָל נישט געשעען, פאַרקלענערן דאָס מויל און זי האָט דאָס איינגעצויגן ביז אַזאַ שטופע, אַז עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן, לסוף, אין אַ פּינטל, נישט גרעסער פון אַ שפּילקע־קעפּל. און נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, האָט מען געפאָדערט פון אים ענלעכקייט און אומגעצוווּנ־גענע נאַטירלעכקייט. די מענער זענען אויך געווען מיט גאָרנישט בעסער ווי די פרויען: איינער האָט פאַרלאַנגט פאַרגעשטעלט צו ווערן מיט אַ שטאַרק ענערגישן קאָפּ־אומקער; אַן אַנדערער מיט אויפ־געהויבענע אינדערהייך באַגייסטערטע אויגן; אַ גוואַרדייסקע פּאָרו־טשיק האָט פאַרלאַנגט אומבאַדינגט, אַז אין די אויגן זאָל מען זען

מאַרסן*), אַ שטאַאַט-באַאַמטער האָט זיך אויף אַזוי פיל אָנגע-
שטרענגט, כּדי עס זאָל זיין וואָס מער אויפריכטיקייט און איידל-
קייט אין געזיכט, און אַז די האַנט זאָל זיין אָנגעשפּאַרט אויף אַ
בוך, אויף וועלכן עס זאָל מיט לעזבאַרע ווערטער זיין אויפגעשריבן:
„שטענדיק געשטאַנען פאַרן אמת". פון אָנפאַנג האָט דעם מאָלער
געוואָרפן אין היץ אַזעלכע פאָדערונגען: דאָס אַלץ האָט מען גע-
דאַרפט פאָרשטעלן, צוטראַכטן, און גלייכצייטיק האָט מען געגעבן
זייער נישט קיין גרויסן טערמין. לסוף האָט ער זיך געכאַפּט, אין
וואָס אייגנטלעך עס גייט און ער האָט זיך שוין גאָרנישט אָנגע-
שטרענגט. פון צוויי דריי ווערטער אפילו האָט ער זיך שוין
פאָרויס אָנגעשטויסן, ווער וואָס האָט געוואָלט פון זיך פאָרשטעלן,
ווער עס האָט געוואָלט מאַרסן, האָט ער אים אין פּנים אַריינגע-
רוקט מאַרסן; ווער עס האָט געצילט אויף בייראָנען**), האָט ער
אים געגעבן אַ בייראָנישע פּאָזיציע און ווענדונג. צו קאָרינגאַ***),
צו אונדינאַ****), צו אַספּאַזיאַ*****) האָבן די דאַמען פאַרלאַנגט,
האָט ער מיטן גרעסטן חשק איינגעשטימט אויף אַלעם און האָט
נאָך צוגעגעבן יעדן אַ שפּאָר ביסל איידלקייט, וועלכע וועט, פידיע,
אין ערגעץ נישט קאַליע מאַכן און פאַר וועלכער מען איז טיילמאָל
מוחל דעם קינסטלער די ענלעכקייט. גאַנץ שנעל האָט ער אַליין
שוין זיך אָנגעהויבן צו וווּנדערן אויף דער אומגעהייערער שנעל-

---

*) מאַרס — דער גאָט פון מלחמה בא די אַלטע רוימער.

**) בייראָן — אַ באַרימטער ענגלישער פּאָעט, געב. 1788, געשטאָרבן
אין קריג פאַר דער באַפרייונג פון די גריכן אין מיסאָלונגי אין 1824 יאָר.

***) קאָרינגאַ — אַ גריכישע פרוי-פּאָעט, געלעבט 500 יאָר פאַר קריסט.
געבוירט.

****) אונדינאַ — אַ וואַסער-גייסט אין געשטאַלט פון אַ פרוי — רוסאַלקע.

*****) אַספּאַזיאַ — אַ באַרימטע מיט איר פאַרשטאַנד און שיינהייט
גריכין, געלעבט אין 4-טן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס געבוירט.

קייט און דרייסטקייט פון זיין פענזל. און די געמאָלענע זענע־
זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען אין אַנטציקונג און עפנטלעך מפורסים
געמאַכט אים אַלס זשעני.

טשאַרטקאָוו איז געוואָרן איין אַלע הינזיכטן אַ מאָדערנער
מאָלער. ער האָט אָנגעהויבן פאָרן אויף מיטאָגן, באַגלייט דאַמען
אויף אויסשטעלונגען און אפילו אויף שפּאַצירן, עלעגאַנט זיך אָנ־
געטון און עפנטלעך דערקלערט, דאָס אַ מאָלער דאַרף געהערן דער
געזעלשאַפט, דאָס מען דאַרף אונטערשטיצן די שטעלונג, דאָס די
מאָלער טוען זיך אָן ווי די שיסטער, דאָס זיי קענען זיך נישט אָנ־
שטענדיק אויפפירן, דאָס זיי זענען נישט מקפּיד אויף דעם הע־
כערן טאָן און דאָס זיי זענען הינטערשטעליק פון יעדער בילדונג.
באַ זיך אין הויז האָט ער איינגעריכטעט זויבערקייט און ריינקייט
אויף דער העכסטער שטופע. ער האָט באַשטימט צוויי הערלעכע
לאָקייען, איינגעריכטעט עלעגאַנטע שילער, איבערגעטון זיך אַ פּאָר
מאָל אין טאָג אין פאַרשידענע מאָרגן-אַנצוגן, האָט זיך געקרייזלט
די האָר, פאַרנומען זיך מיט דעם פאַרבעסערן פאַרשידענע מאַ־
ניערן, מיט וועלכע אָנצונעמען באַזוכער; פאַרנומען זיך צו פאַר־
שענערן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען זיין אויסערלעכקייט, אַרויס־
ברענגען מיט איר אָן אָנגענעמען איינדרוק אויף די דאַמען; מיט
איין וואָרט, גאַנץ שנעל האָט מען אין אים לגמרי נישט געקאָנט
דערקענען דעם באַשיידענעם מאָלער, וועלכער האָט אַמאָל געאַר־
בעט אומבאַמערקט אין זיין עלנט שטיבל אויפן וואַסיליעווער
קוואַרטאַל. וועגן מאָלער און וועגן קונסט האָט ער זיך איצט אויס־
געדריקט שאַרף: ער האָט באַהויפּטעט, דאָס די פריערדיקע מאָ־
לער האָט מען צוגעשריבן שוין צופיל ווירדיקייט, דאָס זיי אַלע,
ביז ראַפאַאילען, האָבן געמאָלן נישט קיין פיגורן נאָר הערינג;
דאָס עס עקזיסטירט בלויז אין דער איינבילדונג פון געדאַנק פון
די באַטראַכטער, דאָס זיי זעען פּלומרשט אין זיי דעם מהות פון
עפּעס הייליקס; דאָס אפילו ראַפאַאיל אליין האָט נישט אַלץ גוט

געמאָלן און, אַז דער רום פון אַ סך זיינע שאַפונגען האָט זיך דערהאַלטן נאָר אַ דאַנק דער טראַדיציע; דאָס מיקעל־אַנזשעלאָ*) איז געווען אַ באַרימטער, דערפאַר ווייל ער האָט נאָר געוואָלט באַרימען זיך מיט זיין אַנאַטאָמיע; דאָס בא אים איז נישטאָ קיין שום גראַציעזקייט אין דאָס דעם ריכטיקן גלאַנץ, קראַפט פון פענזל און קאָלאָריט דאַרף מען זוכן נאָר איצט, אין היינטיקן דור. דאָ איז, נאַטירלעך, אויף אַן אומווילליקן אופן, די אַנגעלעגנהייט אויך צו זיך דערגאַנגען.

— ניין, איך פאַרשטיי נישט, — האָט ער געזאָגט, — די אָנגעשטרענגטקייט פון אַנדערע צו זיצן און שאַרפן זיך פאַר דער אַרבעט: אַ מענטש, וועלכער גריבלט זיך צו עטלעכע חדשים איבער אַ בילד, איז ער, נאָך מיין מיינונג, אַן אַרבעטער און נישט קיין מאָלער; איך וועל נישט גלייבן, דאָס בא אים איז פאַראַן טאַלאַנט; אַ זשעני שאַפט דרייסט, שנעל. — אָט בא מיר, — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך געווינלעך צו די אַנוועזנדע: — דעם פּאָרטרעט האָב איך געמאָלן אין צוויי טעג, דאָס קעפל אין איין טאָג, דאָס אין אייניקע שעה. דאָס אין אַ שעה מיט עפּעס, ניין, איך... איך, מוז מודה זיין, אָנערקען נישט אַלס קונסט דאָס, וואָס ווערט געקלעפּט אַ שורה נאָך אַ שורה; דאָס איז שוין מלאכה און נישט קיין קונסט. — אַזוי האָט ער דערציילט זיינע באַזוכער און די באַזוכער האָבן באַוונדערט די קראַפט און דרייסטקייט פון זיין פענזל, זיי האָבן אפילו אַרויסגעלאָזט אויסגעשרייען, הערנדיק ווי שנעל זיי זענען געמאָלט געוואָרן און דערנאָך איינער דעם אַנדערן איבערדערציילט:

— דאָס איז אַן אמתער טאַלאַנט! זעט, ווי אַזוי ער רעדט,

---

*) מיקעל אַנדזשעלאָ — בואָנאַראָטי — אַ באַרימטער איטאַליענישער מאָלער. געבוירן 1475, געשטאָרבן 1567 יאָר, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס ריוואַל,

ווי עס גלאַנצן זיינע אויגן ! Il y a quelque chose ! dextra-ordinaire dans toute figure !*)

עס האָט דעם מאָלער געשמייכלט צו הערן וועגן זיך אַזעלכע קלאַנגען. ווען עס האָט זיך אין די זשורנאַלן באַוויזן אַ געדרוקטער שבח אים, האָט ער זיך געפרייט, ווי אַ קינד, הגם דער שבח איז פון אים געווען געקויפט פאַר אייגן געלט. ער האָט אומעטום צעטראָגן אַזאַ געדרוקט בלעטל און, ווי נישט בכיוון, דאָט ער עס געוויזן באַקאַנטע און פריינט, און דאָס האָט אים געפרייט ביז צו תמימותדיקע נאַיוויטעט. דער רום זיינער איז געוואַקסן, אַרבעט און באַשטעלונגען האָבן זיך פאַרגרעסערט. עס האָט אים שוין אָנגעהויבן ווערן צוגעגעסן איין און די זעלבע פּאָרטרעטן און פּנימער, וועלכע פּאָזעס און ווענדונגען זענען געוואָרן פאַר אים איינגעלערנטע. אָן גרויסן חשק האָט ער זיי שוין געמאָלן, באַמיענדיק אָנצוואַרפן נאָר גלויז דעם קאָפּ, און דאָס איבעריקע האָט ער געגעבן צו פאַרענדיקן זיינע תלמידים. פריער האָט ער, פונדעסטוועגן, געזוכט צו געבן וואָס-פאַר-אַ-נישט-איז נייע פּאָזע, איבערצוראַשן מיט דער קראַפט פון עפעקטן. איצט איז אים אויך דאָס געוואָרן דערעסן. דער מוח האָט אויפגעהערט צוצוטראַכטן און צו באַטראַכטן. ער איז עס נישט געווען ביכולת און ער האָט קיין צייט נישט געהאַט דערויף: דאָס צעשטרייטע לעבן און די געזעלשאַפט, ווו ער האָט זיך באַמיט צו שפּילן די ראָלע פון אַ וועלטלעכן מענטש, דאָס אַלץ האָט אים אַוועקגעטראָגן ווייט פון אַרבעט און געדאַנקען. זיין פּענזל איז געוואָרן קאַלט און טעמפּ, און ער האָט אומפּילבאַר איינגעשלאָסן זיך אין אַ מאָנאָטאָנקייט. אין באַשטימטע, לאַנגאָפּגעטראָגענע פאָרמען; די מאָנאָטאָנע, קאַלטע, אייביק צוגעפוצטע און, אַזוי צו זאָגן, איבעראַשנדע פּנימער פון די טשינאָווניקעס,

---

*) ס'איז פאַראַן עפּעס וואָס אויסערגעוויינלעכס אין זיין גאַנצער אויסערלעכקייט.

מיליטער-לייט און ציווילע האָבן נישט געגעבן גרויס פעלד פאַרן פענזל: ער האָט פאַרגעסן די פּראַכטפולע דראַפּירונג, די שטאַרקע באַוועגונגען און די לײדנשאַפטן. וועגן גרופּן, וועגן קינסטלערישער דראַמע, וועגן איר הויכן צוזאַמענבונד איז נישט געווען וואָס צו שמועסן. פאַר אים זענען געווען נאָר דער מונדיר, דער גאַרסעט און דער פּראַק, פאַר וועלכע עס פּילט אַ קעלט דער מאָלער און באַ וואָס עס פאַלט יעדע פאַרשטעלונג. אַפילו די גאָר פּשוטסטע מעלות האָבן זיך שוין נישט אַרויסגעוויזן אין זיינע שאַפונגען, און גלייכצייטיק זענען זיי נאָך אַלץ זיך צעגאַנגען, נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן דעם רום, הגם די אמתע מבֿינים און מאָלער האָבן נאָר געקוועטשט מיט די פּלייצעס, קוקנדיק אויף זיינע לעצטע אַרבעטן. און אַ טייל, וועלכע האָבן טשאַרטקאָוון געקענט נאָך פון פריער, האָבן נישט געקענט תּופס זיין, ווי אַזוי עס האָט געקאָנט פאַרשווינדן אין אים דער טאַלאַנט, וועלכע שפּורן עס האָבן זיך קלאָר באַוויזן אין אים נאָך באַם סאַמע אָנפאַנג און אומזיסט האָבן זיי זיך באַמיט צו געפינען אַ באַשייד, אויף וועלכן אופן קאָן פאַרלאָשן ווערן אַ טאַלאַנט אין אַ מענטש, דעמאָלט, ווען ער האָט נאָר-וואָס דערגרייכט די פולע אַנטוויקלונג פון אַלע זיינע קרעפטן.

נאָר דידאָזיקע דערקלערונגען האָט נישט געהערט דער באַרימטער מאָלער. ער האָט שוין אָנגעהויבן דערגרייכן די געזעצטקייט פון שכל און יאָרן: ער האָט אָנגעהויבן דיק ווערן און אָנגעצעוודיק פולער ווערן אין דער ברייט. אין די גאַזעטן און אין די זשורנאַלן האָט ער שוין געלעזן די אייגנשאַפטלעכע ווערטער: „אונזער געערטער אַנדרעי פּעטראָוויטש, אונזער פאַרדינסטפולער אַנדרעי פּעטראָוויטש". מען האָט אים שוין אָנגעהויבן פאָרלייגן אין דינסט ערן-ערטער, איינלאַדן אויף עקזאַמענס און קאָמיטעטן. ער האָט שוין אָנגעהויבן, ווי עס טרעפט אַלעמאָל אין די בכבֿודע יאָרן, שטאַרק צו האַלטן דעם צד פון ראַפאַאילן און די אַלטע מאָלער, נישט דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אינגאַנצן איבערצייגט אין זייער הויכער ווירדיקייט, נאָר דערפאַר, ער זאָל מיט זיי קע-

נען שטעכן די אויגן די יונגע מאָלער. ער האָט שוין אָנגעהויבן
לויט דער טראַדיציע פון די אַלע, וועלכע טרעטן אַריין אין די-
דאָזיקע יאָרן, פאַרוואַרפן אָן אויסנאַם די גאַנצע יוגנט אין אוממאַראַ-
לישקייט און שלעכטע ריכטונג פון גייסט. ער האָט שוין אָנגעהויבן
גלייבן, דאָס אַלץ אויף דער וועלט ווערט געטון איינפאַך, אַז קיין הע-
כערע באַגייסטערונג איז נישטאָ, און אַלץ דאַרף אומבאַדינגט זיין אונ-
טערגעוואָרפן אונטער איין שטרענגער אָרדנונג פון פינקטלעכקייט און
פאָרמיקייט, מיט איין וואָרט, זיין לעבן האָט שוין באַרירט די יאָרן,
ווען אַלץ, וואָס אָטעמט מיט שוווּנג, שרימפּט איין אין מענטש, ווען
דער מעכטיקער בויגן דערגייט שוואַכער צום גייסט און שלאָגט
זיך נישט אָפּ מיט די דורכדרינגלעכע קלאַנגען אַרום האַרץ, ווען
די באַרירונג מיט דער שיינהייט פאַרוואַנדלט שוין נישט די יונ-
גע כּוחות אין פייער און פלאַם, נאָר אַלע איבערגעבּרענטע גע-
פילן ווערן צוגענגלעכער צום קלאַנג פון גאָלד, הערן זיך צו
אויפמערקזאַמער צו איר לאָקערנדיקער מוזיק און פאַמעלעך-פאַמע-
לעך דערלויבן זיי איר אומפילבאַר איינגאַנצן זיך צו לאָזן איינ-
שלעפערן. רום קאָן נישט געבן קיין גענוס דעם, ווער עס האָט
זי געגנבעט און נישט פאַרדינט: ער ברענגט אַריין אין אַ באַ-
שטענדיקן ציטער נאָר דעם, וואָס איז אים ווערט. און דערפאַר
האָבן זיך אַלע זיינע געפילן און אָנשטרענגונגען אָפּגעווענדט צום
גאָלד. גאָלד איז געוואָרן זיין ליידנשאַפט, זיין אידעאַל, זיין
שרעק, זיין גענוס, זיין ציל. אַזוי לאַנג ווי די אַסיגנאַציעס זענען
געוואַקסן אין די קופערטס, און, ווי יעדערער, וועמען עס גיט זיך
איין צו האָבן אין באַזיץ די שרעקלעכע מתנה, ער האָט אָנגעהויבן
צו ווערן לאַנגווייליק, נישט צוטריטלעך צו אַלעמען, גלייכגילטיק
צו אַלעמען, אַ חוץ צו גאָלד, דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַן אויר-
זאַכטסלאָזן סקנער, פלאַנלאָזן זאַמלער און ער איז שוין גרייט
געווען זיך צו פאַרוואַנדלען אין איינעם פון די זאָנדערבאַרע
נפשות, וועלכע מען טרעפט אַ סך אין אונזער געפיללאָזער גע-
זעלשאַפט, אויף וועלכער עס קוקט מיט שרעק אַ מענטש, וועלכער

איז פול שטרעקנד מיט לעבן און הארץ, פאַר וועמען זיי ווייזן זיך אויס ווי באַוועגנדע שטייגערנע קברים. מיט מתים אינעווייניק אָנשטאָט אַ האַרץ. נאָר זיין צופאַל האָט שטאַרק צעטרייסלט און אויפגעוועקט זיין גאַנצן לעבנס-צוזאַמענשטעל.

אין איין טאָג האָט ער דערזעען בּאַ זיך אויפן טיש אַן איינ-לאַדונג, אין וועלכער די מאָלער-אַקאַדעמיע בעט אים, אַלס איר חשובן מיטגליד, צו קומען צו פאָרן און צו געבן זיין אורטייל אויף אַ ווערק, וועלכעס איז צוגעשיקט געוואָרן פון איטאַליע פון אַ פאַרפולקאָמענדיקן זיך דאָרט רוסישן מאָלער. דער מאָלער איז געוועזן איינער פון זיינע אַמאָליקע חברים, וועלכער האָט פון די פריאיקע יאָרן געטראָגן אין זיך אַ ליידנשאַפט צו קונסט, מיט אַ פלאַמיקער נשמה פון אַן אַרבעטסזאַמען האָט ער זיך אין איר פאַרטיפט מיט זיין גאַנצער נשמה, אָפגעריסן זיך פון פריינט, פון משפחה, פון אָנגענעמע געוווינהייטן און אַוועקגעפלויגן אַהין, ווו אין דער שיין פון די הערלעך-שיינע הימלען וואַרט רייף דער דערהויבענער קונסט-פלאַנצער, — אין דעם וווּנדערבאַרן רוים, בּאַ וועמענס נאָמען, עס הייבט אָן אַזוי פול און שטאַרק שלאָגן דאָס האַרץ פון אַ מאָלער. דאָרט האָט ער, ווי אַ פּרוש, פאַר-טיפט זיך אין דער אַרבעט און אין אומצעשטרייענדע מיט גאָר-נישט באַשעפטיקונגען. אים האָט אַבסאָלוט נישט געאַרט, וואָס פאַר אַ מיינונג מען האָט געהאַט וועגן זיין כאַראַקטער, וועגן זיין נישט קאָנען זיך אומגיין מיט מענטשן, וועגן זיין נישט באַ-אָבאַכטן וועלטלעכע אָנשטויונגען, וועגן דער דערנידערונג, וואָס ער האָט פאַראורזאַכט דעם נאָמען פון מאָלער מיט זיין פאַראָ-רימטן, נישט עלעגאַנטן פוץ. אים איז אַבסאָלוט נישט אָנגעגאַנ-גען צי האָבן זיינע ברידער אויף אים יאָ געהאַט פאַרדראָס אָדער נישט. ער האָט מיט אַלעם גרינגעשעצט, אַלץ אַוועקגעגעבן דער קונסט. אומדערמידלעך האָט ער באַזוכט די גאַלעריעס, גאַנצע שעהן שטיין געבליבן פאַר די ווערק פון די גרויסע מייסטער, אויפכאַפנדיק און נאָכשפירנדיק דעם וווּנדערלעכן פענזל. ער האָט

גאָרנישט נישט פֿאַרענדיקט פריער, ביז ער האָט זיך נישט אַ פּאָר מאָל קאָנטראָלירט מיט דידאָזיקע גרויסע לערער, ביז ער וועט פֿאַר זיך נישט אַרויסלייענען פון זייערע שווייגנדיקע און שיין רעדעוודיקע ווערק אַן עצה. ער איז נישט אַריינגעקומען צו די רוישיקע אונטערהאַלטונגען און דיסקוסיעס ; ער איז נישט געווען נישט פֿאַר די פּוריסטן*) און נישט קעגן זיי. ער האָט אַלעמען גלייך אָפּגעגעבן די פון אים געהעריקע טייל, אַרויסציענדיק פון אַלעם נאָר דאָס, וואָס איז געווען אין אים הערלעכס, און, לסוף איבערגעלאָזט זיך פֿאַר אַ לערער איין געטלעכן ראַפֿאַעלן, — ענלעך פו דעם, ווי אַ גרויסער דיכטער, איבערלעזנדיק אַ סך פֿאַרשידענע ווערק, אויסגעפֿירטע מיט פֿול רייץ און מאַיעסטעטישער שיינקייט, לאָזט זיך איבער, לסוף, פֿאַר אַ טיש־בוך נאָר איין איליאַדע האָמערס, אַנטדעקנדיק, דאָס אין איר איז אַלץ פֿאַראַן, וואָס דו ווילסט, און ס׳איז נישטאָ גאָרנישט, וואָס זאָל זיך נישט אָפּשפּיגלען שוין דאָ אין אַזאַ טיפֿע און גרויסע פֿולקאָמענהייט. און דערפֿאַר האָט ער אַרויסגעטראָגן פון זיין שולע די דערהאַבענע אידעע פון שאַפֿונג, די קרעפֿטיקע שיינקייט פון געדאַנק, דעם הויכן רייץ פון הימלישן פּענזל.

אַריינקומענדיק אין זאַל, האָט טשאַרטקאָוו שוין געטראָפֿן אַ גאַנץ אומגעהויערע מענגע באַזוכער, וואָס האָט זיך פֿאַרזאַמלט פֿאַר אַ בילד. דאָס טיפֿסטע שטילשווייגן, וואָס איז אַזוי זעלטן צווישן אַ גרויסן עולם אָפּשאַצער, האָט דאָס מאָל געקיניגט איבעראַל. ער האָט זיך געאיילט אָננעמען אַ באַדייטונגספֿולע פיזיאָנאָמיע פון אַ מבין און זיך דערנענטערט צום בילד ; נאָר, גאָט, וואָס האָט ער דערזען !

ריין, אָן אַ פּגם, ווונדערשיין, ווי אַ כּלה, איז געשטאַנען

---

*) פּוריסטן — אָנהענגער פון ריינעם און שאַרפֿן סטיל אין דער מאָלעריי.

פאַר אים דאָס ווערק פונם מאָלער. באַשיידן, געטלעך, אומשולדיק און פשוט, ווי אַ זשעני, האָט זיך דאָס דערהויבן איבער אַלעם. עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי די הימלישע פיגורן, וואָס זענען דער־שטוינט געוווען פון אַזוי פיל אויף זיי געריכטעטע בליקן, האָבן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט זייערע הערלעכע ברעמען.

מיט אַ געפיל פון אומוויליקער דערשטוינונג האָבן די מבינים באַטראַכט דעם נייעם אָנגעזועענעם פענזל. עס האָט זיך געדאַכט, ווי אַלץ האָט זיך דאָ פאַראייניקט צוזאַמען: דער סטודיום פון ראַפאַעלן, וועלכער איז געווען אָפּגעשפּיגלט אין דער הויכער איידלקייט פון די פּאָזען, דער סטודיום פון קאָרעדזשען, וואָס האָט געאָטעמט מיט פאַרענדיקטער פולקאָמענהייט פון פענזל. נאָר מעכטיקער פון אַלעם איז געווען קענטיק די קראַפט פון דעם ווערק, וועלכע איז שוין סומירט געווען אין דער נשמה פון קינסטלער גופא. דער לעצטער געגנשטאַנד איז געווען דורכגעדרינגען אינם בילד; אין אַלעם איז געווען דערגרייכט דאָס געזעץ און די אינערלעכע קראַפט; אומעטום איז געכאַפּט געווען די שווימענדע רונדקייט פון די ליניעס, וועלכע איז איינגעשלאָסן אין דער נאַטור, וועלכע עס זעט נאָר דאָס אויג פונם מאָלער־שעפער און וועלכע קומען אַרויס ווינקעלדיק באַם קאָפּירער. עס איז קענטיק געווען, ווי אַלץ, וואָס איז געווען אַרויסגעצויגן פון דער אויסערלעכער וועלט, האָט דער מאָלער צו זיך איינגעשלאָסן צום ערשט אין דער נשמה און שוין פון דאָרטן, פון גייסטיקן געבוירטס־אָרט, האָט מיט אים געריכטעט איין איינשטימיק, טריומפירנד ליד. און עס איז געוואָרן קלאָר אַפילו פאַר די נישט מבינים, וואָס פאַר אַן אומדערמעסלעכער תהום עס עקזיסטירט צווישן אַ ווערק און אַ פשוטע קאָפּיע פון דער נאַטור. עס איז כמעט אוממעגלעך געווען אויסצודריקן די אויסערגעוויינלעכע שטילקייט, אין וועלכע עס זענען אומוויליק גע־ווען אַרומגענומען די אַלע, וואָס האָבן איינגעפּרעגט זייערע אויגן אין דעם בילד — קיין שאָרך, קיין קלאַנג; און דאָס בילד האָט אַגב יעדע מינוט זיך אויסגעוויזן העכער און העכער: ליכטיקער

און וווּנדערבאַרער האָט זיך עס אָפּגעטיילט פֿון אַלעם אַרום און איינגאַנצן זיך פֿאַרוואַנדלט, לסוף, אין איין אויגנבליק, די פֿרוכט פֿון געדאַנק, וואָס איז פֿון הימל אָנגעפֿלויגן צום מאָלער, — אַן אויגנבליק, צו וועלכן דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן איז נאָר אַ פֿאָרבאַרייטונג. אומוויליקע טרערן זענען גרייט געווען אַראָפּצוקאָלערן זיך איבער די פּנימער פֿון די באַזוכער, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דאָס בילד. עס האָט זיך געדאַכט, אַלע געשמאַקן, אַלע פֿרעכע, אומרעגלמעסיקע בייגונגען פֿון געשמאַק האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין עפּעס אַ שווייגנדיקן הימן צו דעם געטלעכן ווערק.

אומבאַוועגלעך מיט אַ געעפֿנט מויל, איז טשאַרטקאָוו געשטאַנען פֿאַר דעם בילד און, לסוף, ווען די באַזוכער און מבינים האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו טומלען און אָנגעהויבן אורטיילן וועגן דער ווערט פֿונם ווערק, און ווען מען האָט זיך, לסוף, צו אים געווענדט מיט דער בקשה ער זאָל אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען, איז ער צו זיך געקומען, האָט געוואָלט אָננעמען אַ גלייכגילטיקן, געוויינלעכן אויסזעען, האָט געוואָלט זאָגן אַ געוויינלעכן אומגעשמאַקן אורטייל פֿון אַלט־געבאַקענע מאָלער, אויף דעם נוסח ווי פֿאָלגענדעס: „נו, יאָ, נאַטירלעך, אמת, מען קאָן נישט צונעמען דעם טאַלענט פֿון מאָלער; ס'איז פֿאַראַן עפּעס; מען דערקענט, אַז ער האָט געוואָלט עפּעס אויסדריקן; פֿונדעסטוועגן, וואָס שייך דעם עיקר...״ און גלייך נאָכדעם צוגעבן, פֿאַרשטייט זיך, אַזעלכע תּשבחות פֿון וועלכע עס וואָלט קיין געזונט דעם מאָלער שוין נישט צוגעקומען; ער האָט דאָס געוואָלט טון, נאָר די רעדע איז אָפּגעשטאָרבן אויף זיין מויל, טרערן און שלוכצן האָבן אומגעשטאַלטיק זיך אַרויסגעריסן פֿאַר אַ תּשובה, און ער איז ווי אַ משוגענער אַרויסגעלאָפֿן פֿון זאַל.

באַ אַ מינוט צייט איז ער אַן אומבאַוועגלעכער און געפֿילאָזער געשטאַנען אין דער מיטן פֿון זיין פּראַכטפֿולן אַרבעטס־צימער. זיין גאַנצער צוזאַמענשטעל, זיין גאַנץ לעבן איז געוואָרן אויפֿגעוואַכט אין איין אויגנבליק, ווי זיין יוגנט וואָלט זיך צו אים אום־

געקערט, ווי עס וואָלטן די פאַרלאָשענע פונקען פון זיין טאַלאַנט ווידער צעברענט געוואָרן. פון זיינע אויגן איז פלוצלינג אַראָפּגע־פאַלן דער בלינד־באַנד. גאָט! אַזוי אומדערבאַרמדיק צו פאַר־לירן די בעסטע יאָרן פון מיין יוגנט, פאַרניכטן, פאַרלעשן דעם פונק פייער, מעגלעך, וואָס טליעט אין דער ברוסט, מעגלעך, וואָס וואָלט זיך אַנטוויקלט איצט אין דער גרויס, אין שיינקייט, מעג־לעך, ער וואָלט אויך אַרויסגערופן טרערן פון דערשטוינונג און דאַנקבאַרקייט! און צו פאַרלירן דאָס אַלץ, צו פאַרלירן אָן שום באַדויערונג! עס האָט זיך געדאַכט, ווי עס וואָלטן אין דערדאָזי־קער מינוט מיטאַמאָל און פלוצלינג אויפגעלעבט אין זיין נשמה די אָנשטרענגונגען און דראַנגען, וועלכע זענען אים אַמאָל באַקאַנט געווען. ער האָט געכאַפּט דעם פענזל און זיך דערנענטערט צו דער לייוונט. אַ שווייס פון אָנשטרענגונג איז אַרויסגעטרעטן אויף זיין פנים; ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרוואַנדלט אין איין פאַרלאַנג און זיך אָנגעצינדן מיט איין געדאַנק: אים האָט זיך פאַרוואָלט פאָרשטעלן אַן אַראָפּפאַלנדיקן מלאך. דידאָזיקע אידעע איז געווען מער פון אַלעם צוגעפּאַסט מיט דעם באַשטאַנד פון זיין נשמה. נאָר, אוי וויי! זיינע פיגורן, די פּאָזעס, די גרופּן, געדאַנקען, האָבן זיך געלייגט געצווינגען און נישט געבונדן. זיין פענזל און פאָרשטע־לונג האָבן זיך שוין צופיל איינגעשלאָסן אין איין מעסטל, און דער קראַפטלאָזער דראַנג אַריבערצושפּרייזן די גרענעצן און גע־בונדנקייט, פון אים אַליין אָנגעוואָרפענע, האָט זיך אָפּגערופן מיט אומרעגלמעסיקייט און מיט טעותים. ער האָט גרינגעשעצט די מידע, לאַנגע לייטער פון שטופנווייזער קענטניש און די ערשטע גרונט־געזעצן פון דעם צוקונפטיקן גרויסן. אַן ערגערניש האָט אים דורכ־געדרונגען. ער האָט באַפוילן אַרויסצוטראָגן פון זיין אַרבעטס־צי־מער אַלע לעצטע ווערק, אַלע לעבנסלאָזע מאָדערנע בילדלעך, אַלע פאָרטרעטן פון די הוזאַרן, דאַמען און שטאַרקסטע סאָוויעט־ניקעס, האָט זיך פאַרשלאָסן איינער אַליין אין זיין צימער, האָט באַפוילן קיינעם נישט אַריינצולאָזן און האָט אינגאַנצן זיך פאַרזינ־

קען אין זיין אַרבעט. ווי אַ געדולדיק יינגל, ווי אַ שילער, איז ער געזעסן בּאַ זיין אַרבעט. נאָר ווי אומגעשווינט-אומדאַנקבאַר איז געווען דאָס אַלץ, וואָס איז אַרויס פון אונטער זיין פּענזל! אויף יעדן שריט איז ער געוואָרן אָפּגעשטעלט מיט דעם אומוויסן פון די ערשטע אָנפאַנגס עלעמענטן; דער פּשוטער אומבאַדייטנדער מעכאַניזם האָט אָפּגעקילט דעם גאַנצן דראַנג און איז געשטאַנען ווי אַ שוועל נישט צום איבערשפּרינגען פאַר זיין פאַרשטעלונג. דער פּענזל האָט זיך אומווילּיק געקערט צו די פון אויסנווייניק אויסגעלערנטע פאָרמען, די הענט האָבן זיך געלייגט אויף איין איינגעהזרטן מאַניער; דער קאָפּ איז נישט דרייסט געווען צו מאַכן אַ אומגעווייגלעכע ווענדונג, אַפילו די בּלויזע פאַלדן פון קלייד האָבן זיך אָפּגערופן מיט איינגעהזרטקייט און האָבן נישט געוואָלט דראַפּירן זיך אויף אַן אומבאַקאַנטע לאַגע פון קערפּער. און ער האָט דאָס געפילט, דאָס געפילט און אַליין געזען!

— נאָר צי איז דען ווירקלעך בּאַ מיר געווען טאַלענט? — האָט ער לסוף געזאָגט: — צי האָב איך דען זיך נישט אָפּגענאַרט?

— און, אַרויסזאָגנדיק דידאָזיקע ווערטער, איז ער צוגעגאַנגען צו זיינע פריערדיקע שאַפונגען, וועלכע זענען געאַרבּעט געוואָרן שוין גאַנץ לאַנג אַזוי ריין, אַזוי אומאייגננוציק, דאָרטן, אין דעם אָרימען עלנדן שטיבּל, אויף דעם איינזאַמען וואַסיליעווער קוואַרטאַל, ווייט פון מענטשן, איבערפלוס און גיריקייט. ער איז צוגעגאַנגען צו זיי און אָנגעהויבן אויפמערקזאַם זיי אַלע באַטראַכטן, און צוזאַמען מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשטעלן אין זיין זכּרון דאָס גאַנצע אָרימע לעבן זיינס.

— יאָ, — האָט ער פאַרצווייפלט צו זיך גערעדט: — בּאַ מיר איז געווען טאַלאַנט! איבעראַל, אויף אַלעם איז קענטיק זערקבּאַרעס אין זיינע שפּורן...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און פלוצלינג אויפגעשווידערט מיטן גאַנצן קערפּער: זיינע אויגן האָבן זיך בּאַגעגנט מיט אומבאַוועג-

לעבע אין אים איינגעפרעגטע אויגן. דאָס איז געווען דער אומגעוויינלעכער פּאָרטרעט, וועלכן ער האָט געקיימט אויף שטשוקינס הויף. די גאַנצע צייט איז ער געווען פּאַרדעקט, באַוואָרפן מיט אַנדערע בילדער און איז אים לגמרי אַרויס פון זכרון. אַציַנד אָבער, ווי בכּיוון, ווען עס זענען געוואָרן אַרויסגעטראָגן אַלע מאָדערנע פּאָרטרעטן און בילדער, וועלכע האָבן אָנגעפילט דאָס אַרבעטס-צימער, האָט ער אַרויסגעקוקט אינדערהייך צוזאַמען מיט די פריערדיקע שאַפונגען פון זיין יוגנט. ווען ער האָט זיך דערמאַנט זיין גאַנצע זאָנדערבאַרע געשיכטע, ווען ער האָט זיך דערמאַנט, דאָס אויף אַ געוויסן אופן איז ער, דער זאָנדערבאַרער פּאָרטרעט, געווען די סיבה פון זיין איבערקערעניש, דאָס דער געלט-אוצר, וועלכן ער האָט באַקומען אויף אַזאַ ווונדערבאַרן אופן, האָט געבוירן אין אים די אַלע שרעקלעכע אָנרעגונגען, וועלכע האָבן געמאַכט פאַרלירן זיין טאַלאַנט, — איז כּמעט אַ משוגעת גרייט געווען אַריינצורייסן זיך צו אים אין דער נשמה אַריין. ער האָט אין דער זעלבער מינוט תּיכּף געהייסן אַוועק אַרויסטראָגן דעם פאַרהאַסטן פּאָרטרעט. נאָר זיין גייסטיקע באַמרויקונג איז פון דעם נישט שטיל געוואָרן: אַלע געפילן און זיין גאַנצער מהות זענען געווען צעטרייסלט ביז צום באָדן, און ער האָט דערפילט די שרעקלעכע קוואַל, וועלכע מאַכט אַ מענטש פעיק אויף די שוידערלעכסטע פאַרברעכנס. אים האָט באַהערשט אַ שרעקלעכע קנאה, אַ קנאה ביז צו משוגעת. די גאַל איז אַרויסגעטרעטן אים אויפן פּנים, ווען ער האָט דערזעען אַ ווערק, וואָס טראָגט דעם חותם פון טאַלאַנט. ער האָט געקריצט מיט די ציין און געפרעסן עס מיט דעם בליק פון אַ וואַסיליסק*). אין זיין נשמה איז געבוירן געוואָרן דער טייוולשער פאַרלאַנג, וועלכער עס האָט אַמאָל-ווען געשפּייזט אַ מענטש, און מיט אַ ווילדער קראַפט האָט ער זיך געוואָרפן אים

---

*) וואַסיליסק — אַ לעגענדאַרע חיה פון אַ שרעקלעכן אויסזעען, וואָס פאַרייניקט אין זיך אַ שלאַנג, דראַקאָן און פויגל; איר עטעמען איז גיפטיק.

צו ברענגען צום אויספיר. ער האָט אָנגעהויבן אויפצוקויפן דאָס
אַלעס בעסטע, וואָס נאָר די קונסט האָט געקאָנט שאַפן. קויפנדיק
אַ בילד פאַר אַ טייערן פרייז, האָט ער עס פאַרזיכטיק אַהיימגע־
ברענגט צו זיך אין צימער און מיט דער ווילדקייט פון אַ טיגער
האָט ער זיך דערויף געוואָרפן, געריסן, צעריסן עס, צעשניטן אין
שטיקלעך און געטרעטן מיט די פיס, באַגלייטנדיק דעם טאַט מיט
אַ געשעכטער פון תאווה. די אומציילקע דורך אים פאַרשאַפטע
רייכטימער האָבן אים געגעבן אַלע מיטלען צו קאָנען באַפרידיקן
דעם טייוולשן פאַרלאַנג. ער האָט אויפגעבונדן אַלע זיינע גאַלד־
זעקלעך און געעפנט די קופערטס. קיינמאָל נאָך האָט קיין נפש פון
ברוטאַליטעט נישט פאַרטיליקט אַזוי פיל פראַכטפולע ווערק, ווי עס
האָט פאַרטיליקט דער גרויזאַמער בעל-נקמה. אויף אַלע אַקציאָנערן,
ווו נאָר ער האָט זיך באַוויזן, האָט זיך יעדער פאַרויס שוין פאַר־
צווייפלט צו דערווערבן אַ קונסט-ווערק. עס האָט זיך אויסגעוויזן,
ווי דער צעכעסטער הימל האָט בכיוון געשיקט אין דער וועלט
אַריין די דאָזיקע שרעקלעכע בייטש, כדי צוועקצונעמען פון איר איר
גאַנצע האַרמאָניע. די דאָזיקע שוידערלעכע ליידנשאַפט האָט אַרויפ־
געוואָרפן אויף אים אַ שרעקלעכן קאָלאָריט: אַן אייביקע געלקייט
איז געזעסן אים אויפן פנים. דאָס זידלען די וועלט און דאָס וועלן
בקנה נעמען, האָט זיך אויסגעוויזן פון זיך אַליין אויף זיינע שטריכן.
עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין אים האָט זיך אָפגעשפיגלט דער
שרעקלעכער דעמאָן, וועלכן עס האָט אַזוי אידעאַל געשילדערט
פושקין. אַ חוץ אַ גיפטיק וואָרט און אייביקעס שימפּפן, האָבן
גאָרנישט מער אַרויסגעברענגט זיינע ליפן. ענלעך צו עפעס אַ
גאַרפּיע*), האָט מען אים געטראָפן אין גאַס, און אַלע, אפילו באַ־

---

*) גארפיע — בא די אלטערטומע גריכן די געטין פון שטורם; א
פאנטאסטיש באשעפעניש מיט א פנים פון א פרוי, א קערפער פון א גריף, מיט
פליגל און נעגל.

קאַנטע, דערזעענדיק אים פון ווייטנס, האָבן זיך באַמיט אַוועקצודרייען און אויסצומיידן דאָסדאָזיקע באַשעפעניש, זאָגנדיק, אַז זי וועט אים געניגן צו פאַרסמען דערנאָך אַ גאַנצן טאָג.

צום גליק פאַר דער וועלט און דער קונסט, האָט אַזאַ אָנגעשטרענגט און ברוטאַל לעבן נישט געקאָנט לאַנג דויערן: די מאָס פון די ליידנשאַפטן איז געווען צופיל אומגערעכט און צו קאָלאָסאַל פאַר אירע שוואַכע כוחות. די צופאַלן פון משוגעת און פאַררוקטקייט האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אָפטער און. לסוף האָט זיך דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט אין דער שרעקלעכסטער קרענק. די שאַרפע הפין, וואָס איז געווען פאַרייניקט מיט דער סאַמער שנעלסטער שווינדזוכט, האָט אים באַמעכטיקט אַזוי גרויזאַם, אַז אין דריי טעג איז געבליבן פון אים בלויז אַ שאָטן. צו דעם צו האָבן זיך מתחבר געווען די אַלע סימנים פון האָפנונגסלאָזן משוגעת. מאַנכעס מאָל האָבן עטלעכע מענטשן נישט געקאָנט אים איינהאַלטן. אים האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרשטעלן זיי לאַנג-פאַרגעסענע, לעבעדיקע אויגן פון דעם אומגעווייגלעכן פאָרטרעט — און דעמאָלט איז זיין משוגעת געוואָרן שרעקלעך. אַלע מענטשן, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט זיין געלעגער, האָבן זיך אים אויסגעוויזן פאַר שרעקלעכע פאָרטרעטן. דער פאָרטרעט האָט זיך פאַרטאָפּלט, פאַרפירפאַכט אין זיינע אויגן; אַלע ווענט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, זענען געווען אַרומגעהאָנגען מיט פאָרטרעטן, איינפּרעגנדיק אין אים זייערע אומבאַוועגלעכע, לעבעדיקע אויגן; שרעקלעכע פאָרטרעטן האָבן געקוקט פון בעליק, פון דער פאָדלאָגע; דאָס צימער האָט זיך צעשפּרייט און געוואָרן לאַנג אָן אַ סוף, כדי וואָס מער אַריינצונעמען די אומבאַוועגלעכע אויגן. דער דאָקטאָר, וועלכער האָט אָנגענומען די פליכט אים צו באַהאַנדלען און וואָס האָט זיך שוין אָנגעהערט וועגן זיין וואונדערבאַרער געשיכטע, האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו געפינען די געהיימע באַציונג צווישן די אים דראָענדע פאַרזעענישן און פאַרגאַנגענהייטן פון זיין לעבן, נאָר ער האָט גאָרנישט געקאָנט משיג זיין. דער קראַנקער האָט גאָרנישט פאַרשטאַ-

נען און גאָרנישט געפילט, אויסער זיינע פּלאָגן און האָט אַרויס־געלאָזט בלויז שרעקלעכע קלאָג־געשרייען און אומפאַרשטענדלעכע רעדעס. לסוף איז זיין לעבן איבערגעריסן געוואָרן אין דעם לעצטן שוין שטימלאָזן ריס פון פּיין. זיין לייכע איז געווען אַ שרעקלעכע. מען האָט אויך גאָרנישט געקאָנט געפונען פון זיינע אומגעהייערע רייכטימער; נאָר דערזעענדיק די צעשניטענע שטיקלעך פון די הויכע קונסט־ווערק, וועלכע פּרייזן זענען איבערגעשטיגן די מי־ליאָנען, האָט מען פאַרשטאַנען זייער שרעקלעכן פאַרברויך.

צווייטע טייל

אַ מענגע קאַרעטעס, דראָזשקעס און עקיפּאַזשן זענען גע־
שטאַנען פאַר דעם איינפאָר פון אַ הויז, אין וועלכן עס איז פאָר־
געקומען אַ ליציטאַציע פון זאכן פון איינעם פון די רייכע קונסט־
ליבהאָבער, וועלכע האָבן דאָס גאַנצע לעבן זייערס זיס דורכגע־
דרימלט, פאַרטועגע אין זעפירן און אַמורן, אומשולדיק געשמט
אַלס מעצענאַטן*) און טרייהאַרציק אויסגעגעבן אויף דעם צוועק
מיליאָנען, אָנגעזאַמלטע פון זייערע פאָטערס און אָפטמאָל מיט זיי־
ער אייגענער פריערדיקער מי. אַזעלכע מעצענאַטן, ווי מיר ווייסן,
זענען איצט שוין נישטאָ, און אונזער XIX יאָרהונדערט האָט שוין
לאַנג זיך דערוואָרבן די לאַנגווייליקע פיזאָנאָמיע פון באַנקיר, וועל־
כער געניסט פון זיינע מיליאָנען נאָר אין דער פאָרם פון ציפער
אַרויפגעשטעלטע אויף פאַפיר. דער לאַנגער זאַל איז געווען אָנ־
געפולט מיט דעם סאַמע פאַרביקסטן עולם באַזוכער, וועלכער איז
אָנגעלאָפן, ווי אַ רויב־פויגל, אויף אַ נישט אויפגערוימטן קערפער.
דאָ איז געווען אַ גאַנצער פלאָט רוסישע סוחרים פון גאַסט־הויף

---

*) מעצענאַט — אַ פּראָטעזשירער פון שרייבער און מאָלער, געלעבט
אין רוים אין 1־טן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסעס געבורט; זיין נאָמען איז גע־
וואָרן אַ שם דבר.

און אפילו פון אַלטן מאַרק, אין בלויע דייטשע סורדוטן. זייער אויסזען און די אויסדריקן אויף זייערע פּנימער איז דאָ געווען עפּעס פעסטער, פרייער און האָבן זיך נישט באַצייכנט מיט דער אומגעשמאַקער הכנעה, וועלכע איז אַזוי אָנזעעוודיק אינם רוסישן סוחר, ווען ער איז באַ זיך אין קראָם פאַר זיין קליענט. דאָ האָבן זיי זיך לגמרי נישט זשעגירט, נישט קוקנדיק דערויף, דאָס אין דעם זעלבן זאַל האָבן זיך געפונען אַ מאַסע פון די זעלבע אַריסטאָקראַטן, פאַר וועלכע זיי וואָלטן אויף אַן אַנדער אָרט גרייט געווען מיט זייער פאַרערונג אָפּצוקערן דעם שטויב, וועלכן זיי האָבן אָנגעטראָגן מיט זייערע אייגענע שטיוול. דאָ זענען זיי געווען פולשטענדיק אומגעצוואונגען. זיי האָבן אַן צערעמאָניעס באַטאַפּט ביכער און בילדער, וועלנדיק זיך דערקינדיקן אין דער גוטקייט פון דער סחורה און דרייסט איבערגעשטיגן דעם פּרייז, וועלכער איז איבערגעשטיגן געוואָרן פון די גראַפן-מבינים. דאָ האָבן זיך געפונען אַ סך נייטיקע באַזוכער פון די ליציטאַציעס, וועלכע האָבן באַשטימט צו זיין אויף זיי יעדן טאָג אָנשטאָט פרישטיק; אַריסטאָקראַטן-מבינים, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר אַ חוב נישט דורכצולאָזן קיין געלעגנהייט צו פאַרגרעסערן זייער קאָלעקציע און וואָס האָבן נישט געפונען קיין אַנדערע באַשעפטיקונג פון 12 ביז 1 אַ זייגער; לסוף, נאָבעלע לייט, וועמענס קליידער און קעשענעס זענען זייער מאָגערע, וועלכע מעלדן זיך טאָג-טעגלעך אָן שום אייגננוציקן ציל, נאָר בלויז צוליב דעם, זיי זאָלן זען, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן, ווער וועט געבן מער, ווער ווינציקער, ווער וועמען וועט איבערשטייגן און פאַר וועמען וואָס וועט בלייבן. אַ מענגע בילדער זענען געווען צוואָרפן לגמרי אָן שום טאַלק, מיט זיי זענען געווען אויסגעמישט מעבל און ביכער מיט די ראשי תיבות פון דעם פריערדיקן באַזיצער, וועלכער האָט, אפּנים, לגמרי נישט געהאַט דעם רומפולן נייגיר אין זיי אַריינצוקוקן. כינעזישע וואַזנעס, מאַרמאָרענע ברעטלעך צו טישן, נייע און אַלטע מעבל מיט אויסגע-

בויגעבנע ליניעס, מיט גריפן*), ספינקסן**) און לייבן-לאַפּעס, געבילדטע און אומגעגילדטע שפּיגלען, קענקעטעס***) — אַלץ איז דאָ געוועזן אָנגעוואָרפן און אַבסאָלוט נישט אין אַזאַ אָרדנונג ווי אין די מאַגאַזינען. אַלץ האָט פאַרגעשטעלט עפּעס אַ כאַאָס פון קונסט. בכלל איז דאָס געפיל, וואָס מיר עמפינד, בײַ אַ ליציטאַציע, אַ שרעקלעכס; עס רופט זיך עפּעס אַלץ אָפּ ענלעך צו אַ באַגרעבונגס-פּראָצעסיע. דער זאַל, אין וועלכן זי קומט פאָר, איז אַלעמאָל עפּעס אַ טונקעלער; די פענצטער אָנגעשטעלטע מיט מעבל און בילדער גיסן קאַרג אַריין ליכט; דאָס שווייגן, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף די פנימער, און די קברות-שטימע פון דעם ליציטאַטאָר, וועלכער קלאַפּט מיט דעם העמערל און וואָס זינגט אָפּ אַן אל מלא רחמים די טויטע, די זאַנדערבאַר דאָ טרעפנדע קונסט-ווערק, — דאָס אַלץ, דאַכט זיך, פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם משונהדיקן אומאָנגענעמען איינדרוק.

די ליציטאַציע, ווייזט אויס, איז געווען אין סאַמע ברען. אַ גאַנצע גרופּע פיינע לייט, האָבן בחברותה זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און ווען עפּעס דיסקוטירט, איבערמוישנדיק זיך מיט די מיינונגען. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט די ווערטער: „רובל, רובל", זיי האָבן קיין צייט נישט געגעבן דעם ליציטאַטאָר איבערצוחזרן דעם צוגעלייגטן פּרייז, וועלכער איז שוין אַרויפגעוואַקסן פירפאַך מער איבער דעם געמעלדעטן. די גרופּע האָט זיך עס אַזוי מתווכּח געווען לעבן אַ פּאָרטרעט, וועלכער האָט נישט

---

*) גריף — אַ פאַרזועניש מיט פיס, קערפּער און נעגל פון אַ לייב, קאָפּ און פליגל פון אַן אָדלער, אויערן פון אַ פערד, מיט אַ גריוע פון פיש-שופּן, באַדעקט מיט בונטע פאַרבן.

**) ספינקס — בײַ די אַלטערטימע גריכן אַ פאַנטאַסטיש באַשעפעניש, אַ טייוול דערשטיקער, אַ האַלב-פרוי, האַלב לייב.

***) קענקעטעס — אַ סיסטעם אייל-לאָמפּ.

געקאָנט נישט אָפּשטעלן די אַלע, וועלכע האָבן נאָר געהאַט עפּעס אַ באַגריף אין מאָלעריי. דער הויכער פּענזל פון מאָלער האָט זיך אים קלאָר אַרויסגעוויזן, דער פּאָרטרעט איז וואָרשיינלעך געווען שוין אייניקע מאָל רעסטאַווּרירט און אויפגעפרישט און האָט פאַרגעשטעלט די ברוינע שטריכן פון עפּעס אַן אַזיאַט אין אַ ברייטן מאַנטל, מיט אַן אומגעוויינלעכן, משונהדיקן אויסדרוק אויפן פּנים; נאָר מער פון אַלץ זענען די פאַרזאַמלטע געווען איבערראַשט מיט דער אומגעוויינלעכער לעבעדיקייט פון די אויגן. וואָס מער מען האָט זיך אין זיי איינגעקוקט, אַלץ מער האָט זיך געדאַכט, האָבן זיי אין יעדן אינערלעך אַריינגעדרונגען. דידאָזיקע וווּנדערבאַרקייט, דערדאָזיקער אומגעוויינלעכער פאָקוס פון מאָלער האָט פאַרנומען די אויפמערקזאַמקייט כמעט פון אַלעמען. אַ סך פון די ליציטאַנטן האָבן שוין אָפּגעטרעטן, דערפאַר, ווייל מען האָט דעם פּרייז שוין אַרויפגעשלאָגן צו אַן אומגלויבלעכקייט. עס זענען געבליבן נאָר צוויי באַקאַנטע אַריסטאָקראַטן, ליבהאָבער פון מאָלעריי, וועלכע האָבן פאַר קיין פּרייז נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון דעם פּאָרטרעט. זיי האָבן זיך געהיצט, און וואָלטן וואָרשיינלעך אַרויפגעשלאָגן דעם פּרייז ביז צו אַן אוממעגלעכקייט, ווען עס זאָל נישט פּלוצלינג איינער פון די צושויער דאָ נישט אויסרופן:

— דערלויבט מיר אויף אַ ווײַלע אונטערצוברעכן אײַער שטרייט: איך, קאָן זיין, האָב מער ווי יעדער אַנדערער דאָס רעכט אויף דעמדאָזיקן פּאָרטרעט.

דידאָזיקע ווערטער האָבן אויגנבליקלעך געמאַכט ווענדן צו אים אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז געווען אַ פיין געבויטער מאַן, פון אַ יאָר פיניף און דרייסיק, מיט לאַנגע שוואַרצע לאָקן. דאָס אָנגענעמע געזיכט פול מיט עפּעס אַ ליכטיקער זאָרגלאָזיקייט, האָט באַוויזן אַ נשמה, וועלכער עס איז פרעמד אַלע קוועלנדע, וועלטלעכע דערשיטערונגען; אין זיין קליידונג איז נישט געווען קיין פּרעטענזיע אויף מאָדע: אַלץ האָט געוויזן אין אים אַן אַרטיסט.

דאָס איז געווען, ווירקלעך, דער מאָלער ב., פּערזענלעך באַקאַנט מיט אַ סך פֿון די אַנוועזנדע.

— ווי מערקווירדיק עס וועלן אייך נישט אויסווייזן מיינע ווערטער, — האָט ער פֿאָרגעזעצט, זעענדיק די געווענדטע אויף זיך אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט, — נאָר ווען איר וועט מסכּים זיין אויסצוהערן נישט קיין גרויסע געשיכטע, וועט איר זען, אַז איך האָב געהאַט דאָס רעכט זיי אויסצורופֿן. אַלע וועלן מיר גלייבן, אַז דערדאָזיקער פּאָרטרעט איז דער זעלבער, וועלכן איך זוך.

זייער אַ נאַטירלעכע נייגיריקייט האָט זיך צעבערענט כּמעט אויף אַלע פּנימער, און דער ליציטאַטאָר אַליין, אויפֿשפּאַרנדיק דאָס מויל, האָט זיך צפּגעשטעלט מיט דעם אויפֿגעהויבענעם העמערל אין דער האַנט, גרייטנדיק זיך איינצוהערן. אין אָנפֿאַנג פֿון דער דערציילונג האָבן אַ סך נישט ווילנדיק געווענדט זיך מיט די אויגן צום פּאָרטרעט, נאָר דערנאָך האָבן זיך אַלע איינגעפּרעגט אין דעם דערציילער, לויט דער מאָס, ווי זיין דערציילונג איז געוואָרן אינ-טערעסאַנטער.

— אייך איז געוויס באַקאַנט די טייל שטאָט, וועלכע מען רופֿט קאָלאָמנע, — האָט ער אָנגעהויבן. דאָ איז אַלץ נישט ענלעך אויף די אַנדערע טיילן פֿון פּעטערבורג: דאָ איז נישט די רעזידענץ און נישט קיין פּראָווינץ; עס דאַכט זיך, דו הערסט, דורכגייענ-דיק די קאָלאָמענער גאַסן, ווי עס פֿאַרלאָזן דיך אַלע יונגע פֿאַר-לאַנגען און חשקות. דאָ אַהער קומט נישט דאָס צוקינפֿטיקע, דאָ איז אַלץ שטיל און אָפּגעדאַנקט. — אַלץ וואָס איז געזעצט געוואָרן פֿון דער רעזידענץ-באַוועגונג. דאָ אַהער ציען זיך איבער צו וווינען דימיסיאָנירטע באַאַמטע, אלמנות, נישט רייכע לייט, וועלכע האָבן אַן אָנגענעמע באַקאַנטשאַפֿט מיטן סענאַט און דערפֿאַר דאָ זיך פֿאַר-משפּט כּמעט אויפֿן גאַנצן לעבן; אויסגעדינטע קעכינס, וועלכע שטויסן זיך אַ גאַנצן טאָג אויף די מערק, וואָס שמועסן אומזיני-קייטן מיט אַ פּויער ערגעץ אין אַ קרעמל און וואָס קויפֿן איין פֿאַר פֿינף קאָפּיקעס קאַווע און פֿאַר פֿיר צוקער, און, ענדלעך,

דער גאַנצער קלאַס פאַרשוינען, װעלכן מען קאָן אָנרופן מיט איין
װאָרט דער אַשיקער, — פאַרשוינען, װעלכע האָבן מיט זייער קליי-
יונג, פנימער, האָר, אויגן, עפּעס אַ טריב, אַשיקע אויסערלעכקייט,
װי דער טאָג, װען עס איז אויפן הימל נישטאָ נישט קיין שטורם,
נישט קיין זון, און עס איז, פשוט, נישט אַהין, נישט אַהער: עס
זייעט זיך אַ נעפּל און נעמט אָפּ יעדע שאַרפקייט בײַ די קעגנ-
שטאַנדן. דאָ אַהער קען מען צורעכענען דימיסיאָנירטע טעאַטראַלע
קאַפּעלדינער, דימיסיאָנירטע טיטולירטע ראַטמענער, דימיסיאָנירטע
קעסט-קינדער פון מאַרס מיט אַן אויסגעשטאָכן אויג און אויפגע-
בלאָזענער ליפּ. די לייט זענען לגמרי ליידנשאַפטסלאָז; זיי גייען
נישט װענדנדיק זייערע אויגן אויף גאָרנישט; זיי שװייגן, װעגן
גאָרנישט נישט טראַכטנדיק. אין זייער צימער איז פאַראַן אַ ביסל
רחש, טיילמאָל פשוט אַ שטאָף ריינער רוסישער בראָנפן, װעלכן
זיי זיפּן מאַנאָטאָן אַ גאַנצן טאָג אָן שום שטאַרקן צופלוס אין
קאָפּ, װעלכער װאַכט אויף בײַ אַ שטאַרקערע קבלה, אַזױװי עס
האָט געװײנלעך ליב זיך מכבד צו זיין אין אַ זונטיקדיקן טאָג אַ
אַ יונגער דייטשער האַנטװערקער, דערדאָזיקער סטודענט פון דער
בירגערלעכער גאַס, װאָס באַהערשט איינער אַליין דעם גאַנצן טראָ-
טואַר, װען די צייט איז אַריבער נאָך צװעלף בײַנאַכט.
„דאָס לעבן אין קאָלאָמנע איז אַ פאַראײנזאַמטע שרעק: זעלטן
װען באַװײזט זיך אַ קאַרעטע, אַ חוץ אַמאָל אַזאַ, אין װעלכער עס
פאָרן אַקטיאָרן, װעלכע באַאומרויקט איינע אַליין מיט איר רע-
דעריי, געקלאָגעריי און געקלאַפּעריי דאָס אַלגעמיינע שטילקייט.
דאָ זענען אַלץ פיס-גייער; אַ פורמאַן שלעפּט זיך גאַנץ אָפּט אָן
אַ פּאַסאַזשיר, פירנדיק היי פאַר זיין באַװאַקסן פערדל. אַ װױנונג
קאָן מען דאָ געפינען פאַר פינף רובל אַ חודש אפילו מיט קאַװע
אינדערפרי. די אַלמנות, װאָס באַקומען אַ געהאַלט, זענען דאָ די
סאַמע אַריסטאָקראַטישסטע פאַמיליעס: זיי פירן זיך אָרנטלעך אויף,
קערן ריין אויס זייער צימער, פאַרשטענדיקן זיך מיט זייערע
חברטעס װעגן טייערקייט פון פלייש און קרויט; לעבן זיי געפינט

זיך אָפּט אַ יונגיטשקע טאָכטער, אַ שווייגנדיק, אָן ווערטערדיק, טײַלמאָל, חנעוודיק ווען, אָן עקלהאַפּט הינטל און אַ וואַנט־זייגער מיט אַ טרויעריק קלאַפּנדיקן ווערפּער. דערנאָך גייט אין דער רייע אַקטיאָרן, וועמענס געהאַלט דערלויבט נישט אַרויסצופּאָרן פֿון קאַ־לאָמנע, אָן עולם אַ פּרייער, ווי אַלע אַרטיסטן, וואָס לעבן פֿאַר דעם געַנוס. זיי זיצן אין זייערע כאַלאַטן, פּאַרריכטן אַ פּיסטאָלעט, קלעפּן אויס פֿון טאָוול פּאַרשידענע זאַכן נוצלעכע פֿאַר דעם הויז־געברויך, שפּילן מיט די אָנקומענדיקע געסט אין וואַרצאַבי אָדער אין קאָרטן און אַזוי פּאַרבּרענגען זיי דעם פרימאָרגן, טוענדיק כמעט דאָס זעלבע אין אָוונט, מיט אַ צוגאָב אַמאָל אַ פּונש.

„נאָך דידאָזיקע טייז אין אַריסטאָקראַטסטווע און קאָלאָמנע גייט די אומגעוויינלעכע שרויט און קלייניקייט. זיי איז אויך שווער אויסצורעכענען, ווי עס איז שווער אויסצורעכענען די מענגע ווע־רים, וועלכע ווערן געבוירן אין אַלטן עסיק. דאָ זענען פֿאַראַן אַלטע ווייבער, וועלכע דאַוונען; אַלטע ווייבער, וועלכע שכורן; אַלטע ווייבער, וועלכע דאַוונען און שכורן צוזאַמען; אַלטע ווײַ־בער, וועלכע שלאָגן זיך דורך מיט אומבאַגרײַפֿבאַרע מיטלען: ווי די מוראַשקעס שלעפּן זיי מיט זיך אַלטע שמאַטעס און וועש פֿון קאַלינקינס בריק ביז צום אַלטן מאַרק, מיט דעם, זיי זאָלן דאָס פּאַרקויפֿן פֿאַר פֿינפֿצען קאָפּיקעס; מיט איין וואָרט, אַ גאַנץ ריינער אומגליקלעכער אָפּזאַץ פֿון דער מענטשהייט, צו וועלכן עס וואָלט נישט איין ווילטעטיקער פּאָליטישער עקאָנאָם נישט געפֿינען קיין מיטלען צו פֿאַרבעסערן די לאַגע.

„איך האָב זיי צוליב דעם בכיוון אַהערגעפֿירט, כּדי אייך צו ווייזן, ווי אָפּט דערדאָזיקער עולם געפֿינט זיך אין דער נויטווענ־דיקייט צו זוכן שטענדיק נאָר די פּלוצלינגע, צייטווײַליקע הילף, אָנצוקומען צו הלוואות; און דעמאָלט באַזעצן זיך צווישן זיי אַ באַזונדער מין וווכערער, וועלכע פֿאַרזאָרגן זיי מיט נישט קיין גרויסע סומעס אונטער משכּנות און פֿאַר גרויסע ציגזן. דידאָזיקע קליינע פּראָצענטניקעס ווערן פּילפּאַך געפֿילראָזער פֿון אַלע גרויסע,

דערפאַר ווייל זיי דרינגען אַריין אין דעם סאַמע מיטן פון דלות און בפרסיה אַרויסגעוויזענע בעטלערישע שמאַטעס, וועלכע עס זעט נישט דער רייכער ווּכערער, וואָס האָט געשעפּטן נאָר מיט אַזעלכע, וואָס קומען צו פאָרן אין קאַרעטן, און דערפאַר שטאַרבט אין זייערע נשמות שוין צופרי דאָס געפיל פון מענטשלעכקייט. צווישן דידאָזיקע פּראָצענטניקעס איז געווען איינער... נאָר עס שטערט נישט אייך צו זאָגן, אַז דאָס געשעעניש, וועגן וועלכן איך האָב גענומען אייך דערציילן, באַציט זיך צום פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, נעמלעך, צו דער צייט ווען עס האָט רעגירט די זעליקע קעניגין יעקאַטערינאַ די צווייטע. איר דאַרפט אַליין פאַרשטיין, אַז דער בלויזער אויסזעען פון קאָלאָמנע און איר אינעווייניקסט לעבן איז באַדייטונגספול געווען געענדערט. און אַזוי, צווישן די פּראָצענטניקעס איז געווען איינער — אַ נפש אין אַלע הינזיכטן אַן אויסערגעוויינלעכער, וועלכער האָט זיך לאַנג שוין באַזעצט אין דערדאָזיקער טייל שטאָט. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ ברייט אַזיאַטיש מלביש; די טונקעלע פאַרב פון פּנים האָט אָנגעוויזן אויף זיין צפונדיקער אָפּשטאַמונג; נאָר צו וועלכער נאַציע ער האָט באַלאַנגט: אינדישער, גריכישער, פּערסיאַנישער, — וועגן דעם האָט קיינער און פעסט נישט געקאָנט זאָגן. אַ הויכער, כמעט אומגעוויינלעכער וווּקס, דאָס ברוינע, מאָגערע, אָנגעברענט פּנים און די עפּעס אומבאַגרייפבאַר־שרעקלעכע פאַרב זיינע, די גרויסע אויגן פון אומגעוויינלעכן פייער, די אַראָפּהענגענדיקע געדיכטע ברעמען, האָבן אים שטאַרק און שאַרף אָפּגעטיילט פון די אַלע אַשיקע איינוווינער פון דער רעזידענץ. זיין וווינונג אַליין איז נישט ענלעך געווען אויף די איבעריקע קליינע הילצערנע הייזלעך. דאָס איז געווען אַ שטיינערנע געביידע אויף דעם אופן פון די, וועלכע עס האָבן אַמאָל אָן אַ שיעור אויפגעבויט די גענועזער סוחרים, מיט אומרעגלמעסיקע, נישט גלייכע גרייסן פון די פענצטער, מיט אייזערנע קראַטן און ריגלען. דערדאָזיקער פּראָצענטניק האָט זיך אויסגעצייכנט פון אַנדערע ווּכערער שוין מיט דעם, וואָס ער האָט

געקאָנט פֿאַרזאָרגן אַלעמען מיט יעדער פֿאַרלאַנגטער סומע, אָנ־
הייבנדיק פֿון אַ בעטלערישע אַלטע ביז צו אַ פֿאַרשווענדעריש
הויף־מאַגנאַט. פֿאַר זיין הויז האָבן זיך אָפֿט באַוויזן די סאַמע
גלענצנדסטע עקיפּאַזשן, פֿון וועלכע פֿענצטערלעך עס האָט טייל־
מאָל אַרויסגעקוקט אַ קעפּל פֿון אַ לוקסוסהאַפֿטע וועלט־דאַמע. עס
פֿלעגט אַרומגיין אַ קלאַנג, ווי דער שטייגער איז, דאָס זיינע איי־
זערנע קופֿערטס זענען אָנגעפֿילט מיט אָן אַ שיעור גאָלד, צירונג,
בריליאַנטן און אַלערהאַנט משכּנות, נאָר ער האָט פֿונדעסטוועגן
לגמרי נישט געהאַט די אייגנוצן, וואָס איז אַזוי ספּעציפֿיש בײַ
אַנדערע וווּכערער. ער האָט געדנווויליק געגעבן געלט, צעטייל־
דיק, ווי עס האָט זיך געדאַכט, אויף זייער באַקוועמע צאָלונגס־
טערמינען; נאָר מיט עפּעס אַ מערקווירדיקן אַריטמעטישן חשבון
האָט ער זיי געצוווּנגען אַרויפֿצושטייגן ביז צו איבערמעסיקע פּראָ־
צענטער. אַזוי ווייניקסטנס איז געווען אַ קלאַנג. נאָר וואָס מערק־
ווירדיקער פֿון אַלץ און וואָס עס האָט אַ סך מענטשן נישט גע־
קאָנט נישט איבעררעשן, — דאָס איז געווען דער זאָנדערבאַרער
גורל פֿון אַלע די, וועלכע האָבן באַקומען פֿון אים געלט: זיי אַלע
האָבן פֿאַרענדיקט זייער לעבן אויף אַן אומגליקלעכן אופֿן. צי דאָס
איז געווען אַ פּשוטע מענטשלעכע השערה, אַן אומזיניקער אָבער־
גלויבן, אָדער בכּיוון פֿונאַנדערגעלאָזטע קלאַנגען, — דאָס איז
געבליבן אומבאַוווּסט. נאָר עטלעכע ביישפּילן, וואָס האָבן געטראָפֿן
אין אַ נישט לאַנגער צייט פֿאַר אַלעמענס אויגן, זענען געווען לע־
בעדיק און אַנטוויקלט.

„פֿון צווישן דער דעמאָלטיקער אַריסטאָקראַטיע האָט שנעל
געמאַכט ווענדן אויף זיך אַלעמענס אויגן אַ יונגערמאַן פֿון אַ בע־
סערער פֿאַמיליע, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט שוין אין די
יאָרן אויפֿן געזעלשאַפֿטלעכן געביט, אַ הייסער אָנהענגער פֿון אַלעם
וואָרהאַפֿטיקן, העכערן, אַן אייפֿעריקער פֿון אַלעם, וואָס עס האָט
געבוירן די קונסט און דער מענטשלעכער פֿאַרשטאַנד, וואָס האָט
פֿאַרשפּראָכן אויף אַ מעצענאַט. ער איז שנעל געוואָרן ווירדיק אויס־

געצייכנט דורך דער סאַמער קייזערין אַליין, אָנטרויענדיק אים אַ באַדייטנדיק אָרט, וואָס איז פֿולשטענדיק געווען אין הסכם מיט זיינע אייגענע פֿאָדערונגען, — אַן אָרט, ווו ער האָט געקאָנט פֿיל שאַפֿן פֿאַר דער ווייסנשאַפֿט און בכלל פֿאַר גוטס. דער יונגער מאַגנאַט האָט זיך אַרומגערינגלט מיט מאָלער, פּאָעטן, געלערנטע. אים האָט זיך פֿאַרוואָלט אַלעמען געבן אַרבעט, אַלץ אויפֿמונטערן. ער האָט אונטערגענומען אויף אייגענעם חשבון אַ מענגע נוצלעכע אויסגאַבן. באַאויפֿטראָגט אַ מענגע באַשטעלונגען, פֿאַרעפֿנטלעכט אָנרעגנדע פּרעמיעס, האָט פֿאַרברויכט אַ שלל מיט געלט און, לסוף, זיך רויִנירט. נאָר פֿול מיט גרויסמוטיקער באַוועגונג, האָט ער נישט געוואָלט אָפּשטיין פֿון זיין זאַך. האָט געזוכט אומעטום צו באָרגן און, לסוף, זיך געווענדט צום באַקאַנטן וווכערער. מאַכנדיק באַ אים אַ באַדייטנדע הלוואה האָט דער מענטש אין אַ קורצער צייט זיך פֿולשטענדיק פֿאַרענדערט : ער איז געוואָרן אַ פֿאַרניכטער און אַ פֿאַרפֿאָלגער פֿון דעם אַנטוויקלט־ווערנדן שכל און טאַלאַנט. אין אַלע פֿאַרפֿאַסונגען האָט ער אָנגעהויבן זען די שלעכטע זייט, דערקלערן קרום יעדעס וואָרט. צום אומגליק איז דאַן פֿאָרגעקומען די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע. דאָסדאָזיקע האָט אים געדינט פֿאַר אַ געוועער פֿאַר אַלע מעגלעכע געמיינהייטן. ער האָט אין אַלעם אָנגעהויבן זען עפּעס אַ רעוואָלוציאָנערע ריכטונג, אין אַלעם האָט זיך אים אויסגעוויזן רמזים. ער איז געוואָרן אַ פֿאַרדעכטיקער ביז אַזאַ שטופֿע, דאָס ער האָט, לסוף, זיך אַליין אָנגעהויבן צו פֿאַרדעכטיקן, ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרפֿאַסן שרעקלעכע, נישט אמתע מסירות, געמאַכט אַ מאַסע מענטשן אומגליקלעך. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע מעשים האָבן נישט געקאָנט נישט דערגיין, לסוף, צום טראָן. די גרויסמוטיקע קעניגין איז געוואָרן אַ פֿאַרציטערטע און, פֿול מיט גייסטיקער איידלקייט, וועלכע באַצירט די קראַנצטרעגער, האָט זי אַרויסגעזאָגט די ווערטער, וועלכע, הגם זיי האָבן נישט געקאָנט איבערגיין צו אונז אין זייער גאַנצער געטרייַקייט, נאָר דער טיפֿער זין זייערער האָט זיך איינגעדרונגען אין פֿיל הער־

צער. די קייזערין האָט באַמערקט, אַז נישט אונטער דער מאָנאַרכיסטישער הערשאַפֿט ווערן אונטערדריקט הויכע, איידעלע גייסטיקע באַוועגונגען, נישט דאָרטן ווערן פֿאַראַכט און פֿאַרפֿאָלגט די שאַפֿונגען פֿון שכל, פּאָעזיע און קונסט; דאָס אין געגנטייל, נאָר דווקא די מאָנאַכן זענען געווען זייערע באַשיצער; אַז די שעקספּירס, מאָליערס האָבן געבליט אונטער זייער גרויסמוטיקער שוץ, אין דער צייט ווען דאַנטע האָט נישט געקאָנט געפֿונען קיין ווינקל אין זיין רעפּובליקאַנישער היימאַט; דאָס די וואָרהאַפֿטיקע זשעניען אַנטשטייען אין דער צייט פֿון גלאַנץ און מעכטיקייט פֿון קעניגן און קעניגרייכן, און נישט אין דער צייט פֿון העסלעכע פּאָליטישע דערשיינונגען און רעפּובליקאַנישן טעראָר, וועלכע האָבן ביז צום היינטיקן טאָג נישט געשענקט דער וועלט נישט קיין איין פּאָעט; דאָס מען דאַרף אויסצייכענען פּאָעטן־קינסטלער, ווייל נאָר פֿרידן, הערלעכע שטילקייט פֿירן זיי אַריין אין דער נשמה, און נישט קיין באַאומרויקונג און מרידה; דאָס די געלערנטע, פּאָעטן און די אַלע שעפֿער פֿון קונסט זענען די וועזנטלעכע פּערל און בריליאַנטן אין דער קייזערלעכער קרוין: מיט זיי באַשיינט מען זיך און עס באַקומט די עפּאָכע פֿון דעם גרויסן מאָנאַרך נאָך אַ גרעסערן גלאַנץ. מיט איין וואָרט, די קעניגין, אַרויסרעדנדיק דידאָזיקע ווערטער, איז אין דער מינוט געווען געטלעך שיין. איך געדענק דאָס אַלטע לייט האָבן נישט געקאָנט וועגן דעם רעדן אָן טרערן. אין דערדאָזיקער זאַך האָבן אַלע אָן אָנטייל גענומען. צום כבוד פֿון אונזער נאַציאָנאַלן שטאָלץ איז ווערט צו באַמערקן, דאָס אין אַ רוסיש האַרץ ווינט שטענדיק דאָס געפֿיל צו נעמען דעם צד פֿון אונטערדריקטן. דער מאַגנאַט, דער באַטריגער פֿון די פֿולמאַכטן איז געוואָרן מוסטערהאַפֿט באַשטראָפֿט און אָפּגעשטעלט פֿון זיין אַמט. נאָר אַ פֿיל שרעקלעכערע שטראָף פֿאַר זיך האָט ער געלעזן אויף די פּנימער פֿון זיינע לאַנדסלייט: דאָס איז געווען אַן אַנטשלאָסענע און אַלגעמיינע פֿאַראַכטונג. עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן, ווי שטאַרק עס האָט געליטן זיין באַרימערישע נשמה:

דער שטאָלץ, דער אָפּגעגאַרטער ערגייץ, צעשטערטע האָפנונגען, אַלץ האָט זיך פאַראייניקט צוזאַמען, און אין אַנפאַלן פון שרעקלעכע פאַרריקטקייט און משוגעת האָט זיך זיין לעבן איבערגעריסן.

„דער צווייטער ביישפּיל, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, איז אויך פאָרגעקומען לפני פּאַר יאָר: פון די שיינקייטן, מיט וועלכע עס איז דאַן נישט אָרים געווען אונזער דרום-דיקע רעזידענץ, האָט זי איינע איבער אַלע געהאַט אַן אַנטשלאָסענע איבערגעוויכט. דאָס איז געווען עפּעס אַ וווּנדערלעכע צונויפגיסונג פון אונזער דרום-שיינקייט מיט דער שיינקייט פון צפון — אַ בריליאַנט, וועלכער טרעפט זיך זעלטן אויף דער וועלט. מיין פאָטער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט יאָר קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געזען עפּעס ענלעכס. אַלץ, וואָס זיך געדאַכט, האָט זיך אין איר פאַראייניקט: רייכקייט, פּאַ שטאַנד און גייסטיקע פּראַכט. זי האָט געהאַט אַ מאַסע פאַרערער, און פון צווישן זיי איז דער באַמערקבאַרסטער געווען דער פירשט ר., דער איידעלסטער, דער בעסטער פון אַלע יונגעלייט, דער הערלעכסטער אי מיטן פּנים אי מיט ריטערישע הויכמוטיקע טריבן; דער הויכער אידעאַל פון ראָמאַנען און פּרויען, אַ גראַנדיסאָן*) אין אַלע הינזיכטן. דער פירשט ר. איז אין איר ליידנשאַפטלעך און אומזיניק פאַרליבט געווען, מיט דער זעלבער פלאַמיקער ליבע האָט זי אים אָפּגעענטפערט. באָר פאַר דער משפּחה האָט דער שידוך זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז נישט קיין פּאַסיקער. דעם פירשטס שטיף-פאַמיליע האָט שוין לאַנג נישט אָנגעהערט צו אים, זי איז געווען צו אים אומגנעדיק און די שלעכטע לאַגע פון זיינע געשעפטן איז אַלעמען באַוווּסט געווען. פּלוצלינג פאַרלאָזט דער פירשט אויף אַ צייט די רעזידענץ, כלומרשט דערפאַר, כדי צו פאַרבעסערן די געשעפטן, און, אין

*) גראַנדיסאָן — אַ העלד פון אַ ראָמאַן מיט דעם זעלבן נאָמען פון ענגלישן שרייבער ריטשאַרדסאָן; די פאַרקערפּערונג פון איידלקייט.

פֿאַרלויף פֿון אַ קירצער צייט, באַווייזט ער זיך אַרומגערינגלט מיט לוקסוס און אומגלויבלעכן גלאַנץ. די גלענצנדע בעלער און ימים־טובים מאַכן אים באַקאַנט אין הויף. דער פּאַטער פֿון דער שיינקייט ווערט נאָכגיביקער און אין דער שטאָט ווערט געפּייערט די אינטערעסאַנטסטע חתונה. פּוניאַנען איז עס פֿאָרגעקומען די ענדערונג און די אומדערהערטע רייכקייט פֿון חתן, דאָס האָט, אויף פּעכט, קיינער נישט געקאָנט דערקלערן; נאָר אין דער זייט האָט מען געשמועסט, אַז ער האָט געמאַכט אַ הלוואה, מסכּים זייענדיק אויף די באַדינגונגען פֿון אַ אומבאַגרייפֿבאַרן וווכערער. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, נאָר די חתונה האָט פֿאַראינטערעסירט די גאַנצע שטאָט; דער חתן און די כּלה זענען געווען דער געגנשטאַנד פֿון אַלעמענס קנאה. אַלעמען איז געווען באַקאַנט זייער הייסע שטאַנדהאַפֿטיקע ליבע, די לאַנגע קוועלן דורכגעליטענע פֿון ביידע צדדים, די הויכע חשיבות פֿון ביידע. היציקע, ברענענדיקע ווייבלעך האָבן פֿאַרויס זיך פֿאַרגעשטעלט דעם גן־עדן תּענוגים, מיט וועלכן דאָס יונגע פּאָר וועט זיך אָנגיסן. נאָר אַרויסגעקומען איז גאָר עפּעס אַנדערש. אין פֿאַרלויף פֿון אַ יאָר איז אין דעם מאַן פֿאָרגעקומען אַ שרעקלעכע ענדערונג. זיין ביז איצטיקער איידל־מוטיקער און הערלעכער כאַראַקטער איז פֿאַרסמט געוואָרן מיט דעם גיפֿט פֿון פֿאַרדעכטיקן אייפֿער, אומגעדולדיקייט און ווילדע קאַפּריזן. ער איז געוואָרן אַ טיראַן און אַ מאַרטירער פֿון זיין ווייב, און וואָס קיינער האָט דאָס נישט געקאָנט פֿאַרויסזען, צו די סאַמע אומענטשלעכסטע פֿאַרברעכנס, אפֿילו צו קלעפּ. אין איין יאָר צייט האָט קיינער נישט געקאָנט דערקענען די פֿרוי, וועלכע האָט דאָך איצט גאָרנישט לאַנג געגלאַנצט און געצויגן נאָך זיך אַ מענגע אונטערטעניקע פֿאַרערער. לסוף, נישט זייענדיק בכּוח לענגער איבערצוטראָגן איר שווערן גורל, האָט זי די ערשטע אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַ גט. דער מאַן איז געקומען אין משוגעת באַם בלויזן געדאַנק וועגן דעם. אין די ערשטע סימנים פֿון ווילדקייט האָט ער זיך אַריינגעריסן צו איר אין צימער מיט אַ מעסער און, ער וואָלט זי, אָן

צווייפל, דאָ טאַקע באַלד דערשטאָכן, ווען מען זאָל אים נישט כאַפן און איינהאַלטן. און אין דעם טריב פון אויפרעגונג און פאַרצווייפלונג האָט ער געווענדט דאָס מעסער אויף זיך — און אין די שרעקלעכסטע ענוים האָט ער געענדיקט זיין לעבן.

„אויסער די צוויי ביישפילן, וועלכע זענען געשען לפני דער גאַנצער געזעלשאַפט, האָט מען דערציילט אַ סך ביישפילן, וואָס האָבן זיך געטראָפן צווישן די נידעריקע קלאַסן און וועלכע האָבן כמעט אַלע געהאַט אַ שרעקלעכן סוף. דאָ איז אַן ערלעכער, ניכטערער מאַן געוואָרן אַ שיכור; דאָרט האָט אַ משרת באַגנבעט זיין באַלעבאָס; דאָ האָט אַ פורמאַן, וועלכער האָט פיל יאָר גאַנץ ערלעך זיך באַשעפטיקט מיט זיין אַרבעט, צוליב גראָשנס געשאָכטן אַ פאַסאַזשיר. עס איז אוממעגלעך, אַז אַזעלכע געשעענישן, וועלכע זענען מאַנכעס מאָל געציילט געוואָרן נישט אָן צולייגענישן, זאָלן נישט פאַראורזאַכן אַ מין איינוויליקע שרעק אויף די באַשיידענע איינוווינער פון קאָלאָמנע. עס האָט קיינער נישט געצווייפלט, אַז אין דעם מענטש זיצט אַן אומריינע קראַפט. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט פאָרגעשלאָגן אַזעלכע באַדינגונגען, פון וועלכע עס האָבן זיך די האָר קאַפויר געשטעלט און וועלכע דער אומגליקלעכער האָט קיינמאָל נישט געוואַגט איבערצוגעבן אַ צווייטן; דאָס זיין געלט האָט אַ דורכברענענדע אייגנשאַפט, עס צעגליט פון זיך זעלבסט און טראָגט עפעס אַ זאָנדערבאַרן צייכן. מיט איין וואָרט, עס איז געווען וועגן אים אַ סך פאַרשידענע אומזיניקע חלוקי־דעות. און מערקווירדיק איז דאָס, אַז די גאַנצע קאָלאָמענער באַפעלקערונג, אָט דאָס גאַנצע וועלטל אָרימע זקנות, קליינע באַאַמטע, קליינע אַרטיסטן און, מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע פסולת, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס אויסגערעכנט, האָט בעסער איינגעוויליקט צו דערממיתן זייערע לייבער, איידער צו פאַרדאַרבן זייער נשמה. טרעפנדיק זיך מיט אים אויף דער גאַס, האָבן זיי נישט ווילנדיק געפילט אַ שרעק, אַז אַ דורכגייער האָט פאַרזיכטיק זיך צוריקגעצויגן און לאַנג זיך דערנאָך אַרומגעקוקט, נאָכשפירנדיק ביז עס

איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען אין דער ווייטנס זיין אומעסיקע פיגור. אין דער בלויזער פאָרם זיינער איז געווען אַזוי פיל אומ־געוויינלעכס, אַז ער האָט יעדן געצוואונגען צוצושרייבן אים אַן אי־בערנאַטירלעכע עקזיסטענץ. די שטאַרקע שטריכן, אַזוי טיף איינ־געשניטענע, ווי עס טרעפט זעלטן בײַ אַ מענטש, די הייסע בראָנזע פאַרב פון פּנים; די אוממעסיקע געדיכטקייט פון די ברעמען, די אומגעוויינלעכע שרעקלעכע אויגן, אפילו בלויז די ברייטע פאַלדן פון זיין אַזיאַטישער קליידונג, — אַלץ האָט זיך געדאַכט, ווי עס וואָלט געזאָגט, אַז קעגן די ליידנשאַפטן, וואָס באַוועגן זיך אין דעמדאָזיקן קערפּער, זענען בלאַס געווען אַלע ליידנשאַפטן פון אַנדערע מענטשן. מיין פאָטער האָט יעדעס מאָל, ווען ער האָט אים געטראָפן, אומבאַוועגלעך זיך אָפּגעשטעלט און יעדעס מאָל זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, ער זאָל נישט אַרויסרעדן: „אַ טייוול, אַ פולשטענדיקער טייוול!" נאָר מען דאַרף אייך וואָס שנעלער בײַ־קענען מיט מיין פאָטער, וועלכער איז, דרך אגב, אייגנטלעך דער סיוזשעט פון דער געשיכטע.

„מיין פאָטער איז געווען אַ מערקווירדיקער מענטש אין אַלע הינזיכטן. ער איז געווען אַ מאָלער, וואָס איז ווייניק בנמצא, — איינער פון די וווּנדער, וועלכע עס וואַרפט אַרויס פון איר בתולות־דיקער טראַכט נאָר איין רוסלאַנד, אַ מאָלער — אַן אַמאַטאָר, וועלכער האָט אַליין אָפּגעזוכט אין זיין נשמה, אָן לערער און שולע, רעגלען און דינים, מיטגעריסן נאָר מיט דעם איינציקן דורשט זיך צו פאַרפולקאָמען און וועלכער איז געגאַנגען, מעגלעך, איבער סיבות אים אַליין אומבאַוווּסטע, נאָר מיט דעם איינעם אָנגעוויזענעם וועג פון דער נשמה. איינע פון די זעלבסט־געבוירענע וווּנדער, וועלכע די צייטגענאָסן רופן אָפט אָן מיט דעם באַליידיקענדיקן וואָרט „עם־הארץ" און וועלכע, נישט ווערנדיק קעלטער פון דער קריטיק און פון אייגענע דורכפאַלן, באַקומען זיי נאָר נייע דראַ־גען און קרעפטן און גייען ווייט שוין אַוועק אין זייער נשמה פון די שאַפונגען, פאַר וועלכע זיי האָבן באַקומען דעם טיטול עם־

האר ק. מיט אַ הויך אינערלעך געפיל האָט ער דערפילט דאָס דאָס ענטהאַלטן פון אַ זין אין יעדן געגנשטאַנד; ער האָט אַליין באַגריפן די ווירקלעכע באַדייטונג פון די ווערטער: „היסטאָרישע מאָלעריי“; ער האָט באַגריפן פאַרוואָס אַ פשוט קעפל, אַ פשוטער פּאָרטרעט ראַפאַעלס, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס, טיציאַנס, קאָרעדזשאָס קאָן מען אָנרופן היסטאָרישע מאָלעריי, און פאַרוואָס אַ גרויס בילד מיט אַ היסטאָרישן אינהאַלט וועט אַלץ זיין אַ Tableau qe genre, נישט קוקנדיק אויף אַלע אָנווייזונגען פון מאָלער אויף היסטאָרישער מאָלעריי. אי דאָס אינערלעכע געפיל אי זיין אייגענע איבערצייגונג האָבן געווענדט זיין פּענזל צו קריסטלעכע געגנשטענדן, צו די העכערע און לעצטע מדרגות פון הויכן. בא אים איז נישט געווען דער ערגייץ אָדער דאָס רייצבאַרע, וואָס איז אַזוי נישט אָפּגעזונדערט פונם כאַראַקטער פון אַ סך מאָלער. דאָס איז געווען אַ האַרטער כאַראַקטער, אַן ערלעכער, אויפריכטיקער מאַן, זאָגאַר גראָבער, אויסערלעך באַדעקט מיט אַ האַרטער שאָל, נישט אָן עטוואָס שטאָלץ אין דער נשמה, אָפּרופנדיק זיך וועגן מענטשן גלייכצייטיק נאָכגיביק און שאַרף.

— וואָס האָב איך אויף זיי צו קוקן, — פלעגט ער געווייגלעך זאָגן: — איך אַרבעט דאָך נישט פאַר זייערטוועגן. נישט אין גאַסט-צימער וועל איך אַוועקטראָגן מיינע בילדער. ווער עס וועט מיך פאַרשטיין, וועט באַדאַנקען; ווער נישט — וועט יעדנפאַלס צו גאָט מתפלל זיין. אַ וועלטלעכן מענטש איז נישטאָ וואָס צו באַשולדיקן, וואָס ער האָט קיין פאַרשטענדעניש נישט פאַר מאָלעריי: דערפאַר האָט ער פאַרשטענדעניש אין קאָרטן, איז אַ מבין אויף גוטן ווייַן, אויף פערד — וואָס דאַרף אַ פריץ מער וויסן? ער וועט נאָך, כ'לעבן, אָנהייבן צו פּרובירן דאָס און דאָס אַנדערע און גיין ווייזן זיין חכמה, דעמאָלט וועט שוין פון אים גאָר קיין מנוחה נישט זיין. יעדן דאָס זייניקע. זאָל יעדער זיך פאַרנעמען מיט זיינס. נאָך מיר נאָך איז שוין בעסער דער מענטש, וועלכער זאָגט אָפן, אַז ער פאַרשטייט זיך נישט דערויף, ווי דער,

וואָס חנפֿעט: זאָגט כּלומרשט ער ווייסט דאָס, וואָס ער ווייס-
נישט, און נאָר ער באַשמוצט און פֿאַרדאַרבט. — ער האָט געאַר-
בעט פֿאַר אַ קליינעם געצאָלט, דאָס הייסט, פֿאַר אַ געצאָלט, וועלכע
איז אים נייטיק געווען נאָר אויף אויפֿצוהאַלטן זיין פֿאַמיליע און
פֿאַר פֿאַרשאַפֿן זיך די מעגלעכקייטן צו אַרבעטן. טראָץ דעם, האָט
ער אין קיין פֿאַל זיך נישט אָפּגעזאָגט צו העלפֿן אַ צווייטן און
אויסצושטרעקן אַ הילפֿס-האַנט אַן אָרימען מאָלער; ער האָט
געגלייבט מיט דער פּשוטער ערלעכער אמונה פֿון זיינע פֿאָר-
גענגער, און דערפֿון, קאָן זיין, האָט באַוויזן זיך אויף זיינע בילדער,
פֿון זיך זעלבסט, דער הויכער אויסדרוק אויף די פֿון אים גע-
שילדערטע פּנימער, צו וועלכן עס האָבן זיך נישט געקאָנט דער-
גרונטעווען די גלענצענדסטע טאַלאַנטן. לסוף האָט ער אפֿילו, מיט
דער באַשטענדיקייט פֿון זיין אַרבעט און מיט דעם נישט אָפּוועגדן
זיך פֿון דעם פֿאַר זיך אָנגעצייכנטן וועג, זיך אָנגעהויבן דערווערבן
אַכטונג פֿון די יעניקע, וועלכע האָבן אים אַמאָל באַערט מיט דעם
טיטל עם-הארץ און היימיש-געבאַקענעם אַמאַטאָר. מען האָט אים
אָן אויפֿהער געגעבן באַשטעלונגען אין די קירכעס — און די
אַרבעט איז בא אים נישט איבערגעפֿירט געוואָרן. איינע פֿון די-
דאָזיקע אַרבעטן האָט אים אינגאַנצן פֿאַרנומען. איך געדענק שוין
נעמלעך נישט אין וואָס עס איז באַשטאַנען איר סיוזשעט, איך
ווייס נאָר דאָס — אויף אַ בילד האָט מען געדאַרפֿט אויפֿמאָלן
דעם גייסט פֿון דער פֿינצטערניש. ער האָט דערום לאַנג געטראַכט
ווי אַזוי דאָס צו פֿאַרווירקלעכן אויף דעם בילד: ער האָט געוואָלט
אויסדריקן אויף אַ פּנים דאָס אַלץ, וואָס באַשווערט און דער-
דריקט דעם מענטש. בא אַזעלכע נאָכדענקענישן האָט זיך אים אין
קאָפּ טיילמאָל דורכגעטראָגן דאָס געשטאַלט פֿון געהיימנישפֿולן
ווכערער, און ער האָט נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטון: „אָט פֿון
וועמען איך וואָלט באַדאַרפֿט מאָלן דעם טייוול!" משפּט זשע
וועגן זיין דערשטוינונג, ווען איינמאָל, אַרבעטנדיק אין זיין אַרבעטס
צימער, דערהערט ער אַ קלאַפּן אין טיר, און באַלד דערנאָך איז

צו אים גלייך אַריינגעקומען דער שוּעקלעכער וווכערער. ער האָט נישט געקאָנט נישט דערפילן עפּעס אַן אינערלעך ציטערניש, וועל־כע איז נישט ווילנדיק דורכגעלאָפן איבער זיין לייב.

— דו ביסט אַ מאָלער? — האָט ער אָן שום צערעמאָניעס געזאָגט צו מיין פאָטער.

— אַ מאָלער, — האָט דער פאָטער געזאָגט אין אָן אומ־אַנטשלאָסנקייט, נישט וויסנדיק וואָס ווייטער וועט זיין.

„— גוט. מאָל פון מיר אַ פּאָרטרעט. עס קאָן זיין, איך וועל שנעל שטאַרבן, קיין קינדער האָב איך נישט; וויל איך נישט פולשטענדיק אָפּשטאַרבן, איך וויל נאָך לעבן. צי קאָנסטו אויפ־מאָלן אַזאַ פּאָרטרעט, ער זאָל פולשטענדיק זיין ווי אַ לעבע־דיקער?

דער פאָטער האָט אַ טראַכט געטון: „וואָס קאָן זיין בעסער? ער אַליין בעט זיך פאַר אַ טייוול צו מיר אויפן בילד". האָט ער געגעבן דאָס וואָרט. זיי האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט וועגן דער צייט און פּרייז, און אויף דעם אַנדערן טאָג, כאַפּנדיק די פּאַליטרע און פּענזל, איז מיין פאָטער געווען שוין בּאַ אים. דער הויכער הויף, די הינט, די אייזערנע טירן און ריגלען, די בויגנאַרטיקע פענצ־טער, די קופערטס, באַדעקטע מיט משונהדיקע טעפּיכער און, ענד־לעך, דער אומגעוויינלעכער באַלעבאָס אַליין, וועלכער האָט אומבאַ־וועגלעך זיך פאַר אים אַנידערגעזעצט, — דאָס אַלץ האָט אויף אים געמאַכט אַ זאָנדערבאַרן איינדרוק. די פענצטער זענען, ווי בכיוון, געווען פאַרשטעלט און פאַרלייגט פון הינטן אַזוי, אַז זיי האָבן גע־געבן ליכט בלויז פונדערהייך. „כאַפּט עס דער טייוול, ווי גוט עס איז איצט באַלויכטן זיין פּנים!" — האָט ער פאַר זיך געזאָגט און פאַרנומען זיך גיריק צו מאָלן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, עס זאָל נישט אַמאָל פאַרשווינדן די גליקלעכע באַלויכטונג. „וואָס פאַר אַ גבורה! — האָט ער איבערגעחזרט פאַר זיך: — אויב איך וועל אים כאָטש אויף אַ העלפט פאַרשטעלן אַזוי, ווי ער איז איצט, וועט ער אַרויסקהרגענען אַלע מיינע קדושים און מלאכים: זיי וועלן

בלייך ווערן קעגן אים. וואָס פאַר אַ טייוולשע קראַפט! ער וועט
באַ מיר, פּשוט, אַרויסשפּרינגען פון דער לייווַנט, אויב איך וועל
נאָר כאָטש אַ ביסל זיין טריי דער נאַטור. וואָס פאַר אַן אומגע-
ווייִנלעכע שטריכן!״ — האָט ער אומאויפהערלעך איבערגעחזרט,
פאַרטיפנדיק זיין התלהבות-טריב און אַליין שוין געזעען, ווי עס
האָבן אָנגעהויבן איבערגיין אויף דער לייווַנט געוויסע שטריכן. נאָר
וואָס מער ער האָט זיך צו זיי דערנעענטערט, אַלץ מער האָט ער
געפילט עפּעס אַזאַ באַלעסטיקנד אומרויִק געפיל, וואָס איז פאַר זיך
אַליין אומפאַרשטענדלעך. נישט קוקנדיק דערויף, האָט ער פונדעסט-
וועגן זיך פאַרלייגט נאָכצופאָלגן מיט אַ בוכשטעבלעכער פּינקטלעכ-
קייט יעדן אוממערקבאַרן שטריך און אויסדרוק. פאַר אַלעם האָט
ער זיך פאַרנומען צו באַאַרבעטן די אויגן. אין דידאָזיקע אויגן
איז געווען אַזוי פיל מאַכט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען
קאָן אפילו נישט טראַכטן זיי איבערצוגעבן אַזוי, ווי זיי זע-
נען אין דער נאַטור. דאָך האָט ער באַשלאָסן באַ זיך,
וואָס עס זאָל נישט געשען, צו דערפאָרשן אין זיי דעם לעצטן
קלענסטן שטריך אין זייער שאַטירונג, צו באַגרייפן זייער גע-
היימניש... נאָר ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן אַריינצוגיין און צו
פאַרטיפן זיך אין זיי מיט דעם פּענזל, איז אין זיין נשמה געבוירן
געוואָרן אַזאַ משונהדיקער עקל, אַזאַ אומפאַרשטענדלעכע לאַסט,
דאָס ער האָט געמוזט וואַרפן דעם פּענזל אויף אַ קליינער ווײַלע
און פאַרנעמען זיך דערנאָך אויפסניי. לסוף האָט ער שוין מער
נישט געקאָנט פאַרטראָגן: ער האָט געפילט דאָס דידאָזיקע אויגן
האָבן אַריינגעשפּיזט צו אים אין דער נשמה אַריין און געשאַפן אין
איר אַ אומבאַגרייפלעכן פּחד. אויפן צווייטן, אויפן דריטן טאָג איז
דאָס געווען נאָך שטאַרקער. אים איז געוואָרן שרעקלעך. ער האָט
געוואָרפן דעם פּענזל און אַנטשלאָסן געזאָגט, אַז ער קען פון אים
מער נישט מאָלן. מען וואָלט באַדאַרפט זען ווי דער שרעקלע-
כער ווכערער איז פאַרענדערט געוואָרן באַ די דידאָזיקע ווערטער.
ער האָט זיך אים געוואָרפן צו די פיס און געבעטן דעם פאָרטרעט

צו פאַרענדיקן, זאָגנדיק, דאָס זיין גורל און עקזיסטענץ אויף דער
וועלט הענגט פון דעם אָפּ, דאָס ער האָט שוין באַרירט זיינע לעבנס
שטריכן מיט זיין פּענזל; דאָס אויב ער וועט זיי ריכטיק איבער-
געבן, וועט זיין לעבן דערהאַלטן זיך אויף דעם פּאָרטרעט מיט אַ
איבערנאַטירלעכער קראַפט; דורכדעם וועט ער פולשטענדיק נישט
אָפּשטאַרבן; דאָס ער באַדאַרף זיין אויף דער וועלט אַנוועזנד.
מיין פּאָטער האָט דערפילט אַ שרעק פון אַזעלכע ווערטער: זיי
האָבן זיך אים אויסגעוויזן אויף אַזויפיל ווונדערבאַר און שרעק-
לעך, דאָס ער האָט געוואָרפן דעם פּענזל און די פּאַליטרע און
געוואָרפן זיך ווי אַ פייל אַרויס פון שטוּב.

„דער געדאַנק וועגן אים האָט אים געשראָקן אַ גאַנצן טאָג
און אַ גאַנצע נאַכט, און אין דער פרי האָט ער דערהאַלטן פון
וווּכערער דעם פּאָרטרעט, וועלכן ער האָט געבראַכט צו אים עפּעס
אַ פרוי, דאָס איינציקע נפש, וואָס איז בא אים געווען אין דינסט,
וועלכע האָט אים דאָ באַלד געמאָלדן, אַז דער באַלעבאָס וויל נישט
דעם פּאָרטרעט, ער גיט פאַר אים גאָרנישט און שיקט אים צוריק.

אין דעם זעלבן טאָג אָוונטצו האָט ער זיך דערוווּסט, אַז
דער וווּכערער איז געשטאָרבן און אַז מען גייט אים שוין מקבר
זיין לויט די פאָרשריפטן פון זיין רעליגיע. דאָס אַלץ האָט זיך
אים אויסגעוויזן משונהדיק אומקלאָר. גלייכצייטיק, האָט פון דער-
דאָזיקער צייט אָן אין זיין כאַראַקטער זיך אַרויסגעוויזן אַ פיל-
באַרע ענדערונג: ער האָט געפילט אַן אומרויִקן שרעקלעכן צו-
שטאַנד, וועלכן ער האָט אַליין נישט געקאָנט פאַרשטיין די סיבות,
און גאַנץ שנעל האָט ער געמאַכט אַזאַ שריט, וואָס קיינער האָט
עס פון אים נישט געקאָנט דערוואַרטן. פון אַ געוויסער צייט אָן
האָבן די אַרבעטן פון איינעם פון זיינע תלמודים צוגעצויגן די
אויפמערקזאַמקייט פון נישט קיין גרויסן קרייז מבינים און ליב-
האָבער. מיין פּאָטער האָט אַלעמאָל אין אים געזען אַ טאַלאַנט
און האָט אים דערפאַר אַרויסגעוויזן זיין באַזונדערע התקרבות.
פלוצלינג האָט ער דערפילט צו אים אַ קנאה. דער אַלגעמיינער

אַנטייל און די וויכּוחים וועגן איס זענען געוואָרן פאַר איס אומ-
דערטערגלעך. ענדלעך, צום פאַרגרעסערן זיין ערגערניש, דער-
וווסט ער זיך, אַז מען האָט זיין תּלמיד פאַרגעלייגט צו מאָלן אַ
בילד פאַר אַ ניי אויפגעמייערטע רייכע קירכע. דאָס האָט איס אויפגע-
ריסן, „איך וועל דאָך נישט דערלאָזן אַזאַ גרינהאָרן טריומפירן! — האָט
ער געזאָגט: צו פרי, ברודער, האָסטו זיך גענומען אַן אַלטן אַריינשטופּן
בלאָטע! ס'איז נאָך, דאַנקען גאָט, באַ מיר דאָ קרעפטן. אָט וועלן
מיר זען, ווער וועמען וועט שנעלער אַריינשטופּן אין בלאָטע".
און דער אויפריכטיקער, נשמה-רייגער מאַן האָט אָנגעהויבן צו מאַכן
אינטריגעס און פּליאָטקעס, צו וועלכע ער האָט ביז דעמאָלט אַלע
מאָל געהאַט אַן אַפּשיי. ער האָט זיך לסוף דערשלאָגן, אַז אויף
דעם בילד איז געמאָלדן געוואָרן אַ קאָנקורס, און אַנדערע מאָלער
האָבן אויך געקאָנט אַריינקומען מיט זייערע אַרבעטן. נאָך דעם
האָט ער זיך פאַרמאַכט אין זיין צימער און מיט התלהבות גענומען
זיך פאַרן פּענזל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע זיינע קרעפטן, זיך
איינגאַנצן האָט ער געוואָלט דאָ צוזאַמענברענגען. און, ווירקלעך,
איז דאָ אַרויסגעקומען איינע פון זיינע בעסטע שאַפונגען. קיינער
האָט נישט געצווייפלט, אַז נישט פאַר איס זאָל בלייבן דער ער-
שטער ראַנג. די בילדער זענען געווען פאַרגעשטעלט, און אַלע אי-
בעריקע האָבן זיך אויסגעוויזן קעגן דעם, ווי פּלוצלינג האָט איינער
פון די אָנוועזנדע מיטגלידער, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אַ
גייסטלעכע פּערזענלעכקייט, געמאַכט אַ באַמערקונג, וואָס האָט
אַלעמען דערשיטערט. „אינם בילד פון מאָלער איז ווירקלעך דאָ
פיל טאַלאַנט, — האָט ער געזאָגט. — נאָר עס איז נישטאָ קיין
הייליקייט אין די פּנימער; עס איז אפילו דאָ, להיפּך פון דעם,
עפּעס וואָס טייוולשעס". אַלע האָבן אַ קוק געטון און האָבן נישט
געקאָנט נישט איבערצייגן זיך אין דעם אמת פון דידאָזיקע ווער-
טער. מיין פאָטער האָט זיך פאַרויס געוואָרפן צו זיין בילד, ווי
צוליב דעם, אַז ער זאָל אַליין קאָנטראָלירן אַזאַ באַליידיקנדע באַ-
מערקונג, און מיט שרעק האָט ער דערזען, אַז ער האָט כּמעט

אַלע זייַע פיגורן צוגעגעבן די אויגן פון דעם וווכערער. זיי האָבן געקוקט אַזוי טייוולישיצעשמעטערנד, אַז ער אַליין האָט נישט ווילנ־דיק אַ ציטער געטון. דאָס בילד איז געוואָרן אָפּגעוואָרפן, און ער האָט באַדאַרפט צו זיין אומבאַשרייבלעכן פאַרדראָס הערן, אַז דער ערשטער ראַנג איז געבליבן פאַר זיין תּלמוד. עס איז אוממעגלעך געווען צו באַשרייבן דאָס משוגעת, מיט וועלכן ער איז צוריק אהיימגעקומען. ער האָט שיער נישט געשלאָגן די מוטער מיינע, צעטריבן די קינדער, צעבראָכן די פענזלס מיט דעם מאָלברעט, געכאַפּט פון דער וואַנט דעם פּאָרטרעט פון וווכערער, געהייסן זיך געבן אַ מעסער און באַפוילן צו מאַכן פייער אין אויוון מיט דעם געדאַנק צו צעשניידן אים אויף שטיקלעך און פאַרברענען. בײַ דער־דאָזיקער באַוועגונג איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין זיין חבר, אַ מאָלער אַזוי ווי ער, אַ לוסטיקער, שטענדיק אַ צופרידענער מיט זיך, וועלכער האָט זיך נישט אַרומגעטראָגן מיט קיין שום ווייטער־דיקע פאַרלאַנגען, האָט געאַרבעט אַלץ וואָס נאָר עס האָט זיך גע־טראָפן און וואָס האָט נאָך פרייִלעכער פאַר דעם זיך געקאָנט נעמען צו אַ מיטאָג מיט פּאַשטעטן.

— „וואָס טוסטו? וואָס גייסטו דאָס פאַרברענען? — האָט ער געזאָגט און צוגעגאַנגען צום פּאָרטרעט. — דערבאַרעם דיך, דאָס איז איינס פון דיינע סאַמע בעסטע שאַפונגען. דאָס איז דאָך דער וווכערער, וועלכער איז נישט לאַנג געשטאָרבן; דאָס איז דאָך די פולקאָמסטע זאַך. דו האָסט, פּשוט, אים נישט געטראָפן אין ברעם, נאָר גלייך אין די אויגן פאַרפאָרן. אַזוי האָבן נאָך קיינמאָל אין לעבן קיין אויגן נישט געקוקט, ווי זיי קוקן בײַ דיר.

— „אָט וועל איך זען ווי אַזוי זיי וועלן קוקן אין פייער! — האָט דער פאָטער געזאָגט, מאַכנדיק אַ באַוועגונג צו וואַרפן דעם פּאָרטרעט אין אויוון.

— „טו עס נישט, אום גאָטס ווילן — האָט געזאָגט דער פריינט, איינהאַלטנדיק אים: גיב אים שוין ליבערשט מיר, אויב צו אײַא מדרגה שטעכט ער דיר אין די אויגן.

„מיין פאָטער האָט זיך צוערשט איינגעשפּאַרט, לסוף איינגע־חייליקט, און דער לוסטיקער פּריינט, אויסערגעוויינלעך צופרידן מיט זיין דערוועריבונג, האָט געשלעפּט דעם פּאָרטרעט מיט זיך.

„נאָך זיין אַוועקגיין האָט פּלוצלינג מיין פאָטער זיך דער־פילט רויקער. כלומרשט ווי צוזאַמען מיט דעם פּאָרטרעט וואָלט אַרויסגעפאַלן אַ משא פון זיין נשמה. ער אַליין איז דערשטוינט געוועזן איבער זיין בייז געפיל, איבער זיין קנאה און בולטע ענ־דערונג פון זיין כאַראַקטער. באַטראַכטנדיק זיין האַנדלונג, איז ער באַטריבט געוואָרן מיט דער נשמה און נישט אָן אינערלעכן צער, האָט ער אויסגערופן:

„— ניין, דאָס האָט מיך גאָט געשטראָפט; מיין בילד האָט פאַרדינט צו ליידן אַ מפּלה. איך האָב עס געמאָלן מיט דער כוונה, כדי אומגליקלעך צו מאַכן אַ ברודער. אַ טייוולישע קנאה־געפיל האָט געפירט מיט מיין פּענזל, האָט דאָס זעלבע געפיל גע־מוזט אָפּשפּיגלען אין אים.

„ער איז תיכף אַרויס אויפזוכן זיין געוועזענעם תלמיד, האָט אים פעסט אַרומגענומען, געבעטן בײַ אים מחילה און באַמיט זיך וויפיל ער האָט געקאָנט צו פאַרגלעטן פאַר אים זיין שולד. זיינע אַרבעטן האָבן ווידער אָנגעהויבן פליסן ווי פריער אָן אויפרודער, נאָר אַ פאַרטראַכטונג האָט זיך אָפטער אָנגעהויבן באַווייזן אויף זיין פּנים. ער האָט אָנגעהויבן מער מתפּלל צו זיין, אָפטער געווען שווייגנדיק און נישט אויסגעדריקט זיך אַזוי שאַרף וועגן מענטשן; די זעלבע גראָבע אויסערלעכקייט פון זיין כאַראַקטער איז עפּעס ווייכער געוואָרן. באַלד אָבער האָט אים איין אומשטאַנד נאָך מער דערשיטערט. ער האָט זיך לאַנג שוין נישט געזעען מיט דעם חבר, וועלכער האָט בײַ אים אויסגעבעטן דעם פּאָרטרעט. ער האָט שוין געוואָלט גיין אים באַזוכן, ווי פּלוצלינג איז ער אַליין אומדערוואַר־טעט אַריינגעקומען אין שטוב אַריין. נאָך אייניקע ווערטער און פראַגן פון ביידע צדדים, האָט ער געזאָגט:

„— נו, ברודער, נישט אומזיסט האָסטו געוואָלט פאַרברע־

נען דעם פּאָרטרעט. כאַפּט אים דער טייוול, אין אים איז עפּעס דאָ שרעקלעכס... אין קיין מכשפות גלייב איך נישט, נאָר זאָג, וואָס דו ווילסט, אין אים זיצט אַן אומריינע קראַפט.

„— וואָס הייסט? — האָט מיין פאָטער געזאָגט.

„— דאָס הייסט, אַז פון דער צייט אָן, ווי איך האָב אים אויפגעהאָנגען בײַ זיך אין צימער, האָב איך דערפילט אַזאַ בּאַטריבּטקייט... גלייך ווי איך וואָלט געוואָלט וועמען שעכטן. אין מיין לעבּן האָב איך נישט געוווסט וואָס דאָס איז שלאָפלאָזיקייט, און איצט בין איך נישט נאָר געפּרווּוט געוואָרן מיט שלאָפלאָזיקייט, נאָר מיט חלומות אַזעלכע... איך קאָן אַליין נישט זאָגן, צי איז דאָס חלומות אַזעלכע, אָדער עפּעס אַנדערש: גלייך ווי אַ שד וואָלט דיך געשטיקט און ווי ער וואָלט דיר שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן דער פאַרשאָלטענער אַלטער. מיט איין וואָרט, איך קאָן דיר נישט איבּערגעגעבּן מיין צושטאַנד, עפּעס ענלעכס איז מיט מיר קיינמאָל נישט געווען. איך האָב אַרומגעבּלאָנדזשעט ווי אַ פאַרריקטער אין דידאָזיקע טעג; האָב געפילט עפּעס אַ פחד, אַן אומאָנגענעמע דערוואַרטונג פון עפּעס. איך פיל, דאָס איך קאָן קיינעם נישט זאָגן אַ פריילעך, אויפריכטיק וואָרט; פּונקט ווי עס וואָלט לעבּן מיר געזעסן עפּעס אַ שפּיאָן. און נאָר פון דער צייט אָן, ווען איך האָב אַוועקגעגעבּן דעם פּאָרטרעט מיין פּלימעניק, וועלכער האָט אים בּאַ מיר אויסגעבּעטן, האָב איך דערפילט, ווי פלוצלינג וואָלט עפּעס אַ שטיין אַראָפּגעפאַלן פון מיינע פּלייצעס: פלוצלינג האָב איך מיך דערפילט אַ פריילעכער, ווי דו זעסט מיך, נו, בּרודער, האָסט בּאַשאַפן שוין איינמאָל אַ טייוול!

„אין דער צייט ווי ער האָט דאָס דערציילט, האָט מיין פאָטער אים אויסגעהערט מיט אַ שפּאַנענדער אויפמערקזאַמקייט און, לסוף געפרעגט:

„— און דער פּאָרטרעט איז איצט בּאַ דיין פּלימעניק?

„— ווו דאָרט בּאַ מיין פּלימעניק! ער האָט נישט אויסגע-

האַלטן! — האָט געזאָגט דער לוסטיקער פּריינט. — ווייזט אויס, די נשמה פון דעם וווּכערער האָט זיך איבערגעטראָגן צום פּאָרטרעט; ער שפּרינגט אַרויס פון דער רעם, גייט איבער דער שטוב, און דאָס, וואָס עס דערציילט דער פּלימעניק, איז פּשוט מיטן שכל נישט צו באַגרייפן. איך וואָלט אים אָנגענומען פאַר אַ משוגענעם, ווען איך אַליין וואָלט נישט מיט אים געפּרוווט געוואָרן. ער האָט אים פאַרקויפט עפּעס אַ זאַמלער פון בילדער, און אויך דער האָט אים נישט אַרויסגעטראָגן און האָט אויך ווּעמען פאַרקויפט פון דער האַנט.

„די דערציילונג האָט אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט אויף מיין פאָטער. ער האָט נישט אויף קיין שפּאַס זיך פאַרטראַכט, ער איז אַריינגעפאַלן אין היפּאָכאָנדריע*) און, לסוף, לגמרי זיך איבערצייגט אין דעם, אַז זיין פּענזל האָט געדינט דעם טייוול אַלס געווער, דאָס אַ טייל לעבן פון וווּכערער איז אינדערמתן ווי־נישט־ווי איבערגעגאַנגען אין פּאָרטרעט און ער שרעקט איצט מענטשן, באַאיינפלוסנדיק טייוולשע אָנרעגונגען, פירט אַראָפּ די מאָלער פון וועג, מאַכט געבוירן ענוים פון קנאה און אַזוי ווייטער. א. א. וו. דריי אומגליקן, וואָס זענען באַלד נאָכדעם פאָרגעקומען, דריי פלוצלינגדיקע טויט־פאַלן: פון זיין ווייב, טאָכטער און מינדעריעריקן זון, האָט ער געהאַלטן פאַר אַ שטראָף פון דער השגחה און באַשלאָסן אומבאַדינגט צו דערווייטערן זיך פון דער וועלט.

„אַז מיר איז געוואָרן צען יאָר, האָט ער מיך אַריינגעגעבן אין דער מאָלער־אַקאַדעמיע און, אָפּצאָלנדיק אַלע זיינע חובות, איז ער אוועק אויף אַ פאַראייבזאַמטן באַרג־קלויסטער, ווו ער איז געוואָרן אַ מאָנאַך. דאָ האָט ער מיט זיין שטרענג לעבן, מיט זיין מדקדק זיין אַלע קלויסטערישע דינים דערשטוינט זיינע חברים מאָ־

*) היפּאָכאָנדריע — אַ גייסטיקע קרענק; דער, וואָס ליידט אויף איר, פילט זיך אומגליקלעך.

נאַכן. דער פֿאָרשטייער פֿון קלויסטער, דערוויסנדיק זיך וועגן דער קונסט פֿון זיין פּענזל, האָט פֿאַרלאַנגט פֿון אים אויסצומאָלן דאָס הויפּט־בילד אין דער קירכע, נאָר דער באַשיידענער ברודער האָט געזאָגט פֿעסט, דאָס ער איז נישט ראוי צו נעמען זיך פֿאַרן פּענזל, אַז ער איז פֿאַראומרייניקט, אַז מיט מי און גרויסע קרבנות באַדאַרף ער פֿריער אָפּרייניקן זיין נשמה, כדי ער זאָל זוכה זיין צוצוטרעטן צו דער אַרבעט. נייטן דערצו האָט מען אים נישט געוואָלט. ער אַליין האָט פֿאַרגרעסערט פּאָר זיך, אויף וויפֿיל עס איז נאָר מעגלעך געווען, די שטרענגקייט פֿון קלויסטער־לעבן. לסוף, איז אים אויך שוין דאָסדאָזיקע לעבן געוואָרן נישט גענוגנד און ווינציק שטרענג. ער האָט זיך דערווייטערט, מיט דער ברכה פֿון פֿאָרשטייער, כדי צו זיין פֿולשטענדיק אַליין. דאָרט האָט ער פֿון בוים־צווייגן אויסגעבויט זיך אַ געצעלט, געשפּייזט זיך מיט בלויזע רויע וואָרצלען, געשלעפּט אויף זיך שטיינער פֿון אָרט צו אָרט, געשטאַנען פֿון אויפֿגאַנג ביז אונטערגאַנג פֿון דער זון אויף איין און דעם זעלבן אָרט מיט אויפֿגעהויבענע הענט צום הימל, זאָגנדיק אָן הפסקה תפֿילות, — מיט איין וואָרט, ער האָט אויסגענוצט, האָט זיך געדאַכט, אַלע מעגלעכע מדרגות פֿון יסורים און די אומבאַגרייפֿלעכע זעלבסטפֿאַרלייקענונג, וועלכע ביישפּילן מען קאָן אפֿשר געפֿינען נאָר אין דעם לעבן פֿון די קדושים. אויף אַזאַ אופֿן האָט ער לאַנג, אין משך פֿון עטלעכע יאָר, געפּייניקט זיין קערפּער, שטאַרקנדיק אים גלייכצייטיק מיט דער לעבנס־קראַפֿט פֿון תּפֿילות. לסוף, אין אַ געוויסן טאָג איז ער געקומען אין קלויסטער און געזאָגט פֿעסט דעם פֿאָרשטייער:

„— איצט בין איך גרייט; אויב גאָט איז ניחא, וועל איך צושטאַנד ברענגען מיין אַרבעט.

„דער געגנשטאַנד, וואָס ער האָט גענומען מאָלן, איז געווען דאָס געבוירן ווערן פֿון ישוע הנוצרי. אַ גאַנץ יאָר איז ער באַ דעם געזעסן, נישט אַרויסגייענדיק פֿון זיין געצעלט, קוים דערנערנדיק זיך מיט רויע שפּייזן, אָן אויפֿהער תּפֿילה טוענדיק. באַם

סוף יאָר איז דאָס בילד געווען פאַרטיק. דאָס איז ווירקלעך געווען דער וווּנדער פון פענזל. מען מוז וויסן, דאָס נישט די ברידער, נישט דער פאָרשטייער האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע קענטעניש אין מאָלעריי, נאָר אַלע זענען געווען דערשטוינט פון דער אומגעוויינלעכער הייליקייט פון די פיגורן. דאָס געפיל פון געטלעכער באַשיידנקייט און זאַנפטיקייט אינם פנים פון דער זייער הייליקער מרים, איינבייגנדיק זיך איבער דעם קינד, ווי עס וואָלט עפּעס-וואָס פלומרשט דורכגעשייגט פון וויטן. דאָס פייערלעכע שווייגן פון די איבערראַשטע מלאכים איבער גאָטס וווּנדער, געשטירצטע באַ זייערע פיס, און, ענדלעך, די הייליקע אומאויסדריקבאַרע שטילקייט, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע בילד, — דאָס אַלץ איז געווען פאָרגעשטעלט אין אַזאַ האַרמאָנישער קראַפט און מעכטיקער שיינקייט, דאָס דער איינדרוק איז געווען אַ פאַרמשופטער. די גאַנצע ברודערשאַפט איז געפאַלן אויף די קניען פאַר דעם נייעם בילד און דער פאָרשטייער האָט אַ גערירטער אויסגערופן:

„— ניין, עס איז אוממעגלעך פאַר אַ מענטש מיט דער בלויזער הילף פון מענטשלעכער קונסט צו שאַפן אַזאַ בילד: די הייליקע, העכערע קראַפט האָט געפירט מיט דיין פענזל, און גאָטס חסד האָט גערוט אין דיין אַרבעט.

„אין דערדאָזיקער צייט האָב איך פאַרענדיקט מיין שטודיום אין דער אַקאַדעמיע, באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל און צוזאַמען דערמיט די פריידיקע האָפנונג אויף אַ רייזע קיין איטאַליע — די גרעסטע פאַנטאַזיע פון אַ צוואַנציק יעריקן מאָלער. מיר איז נאָר געבליבן צו געזעגנען זיך מיט מיין פאָטער, מיט וועלכן איך בין צעשיידט געווען שוין צוועלף יאָר. איך בין זיך מודה, דאָס אפילו זיין געשטאַלט איז לאַנג שוין געווען פאַרשוווּנדן פון מיין זכרון. איך האָב זיך שוין אַ ביסל אָנגעהערט וועגן זיין אַסקעטישן הייליקן לעבן און פאָרויס זיך פאָרגעשטעלט צו טרעפן דאָס טרוקענע אויסערלעכקייט פון אַ פרוש, פרעמד צו אַלץ אין דער וועלט,

אַ הויך צו זיין געצעלט און תּפילות, אַ דערשעפּטן, אָן אויטגע־טרוקנטן פון אייביקע תּעניתים און סגיפים. נאָר ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען פאַר מיר איז געשטאַנען אַ הערלעכער כּמעט געטלעכער זקן! קיין צייכן פון פּייניקונג איז נישט געווען צו מערקן אויף זיין פּנים: עס האָט געשיינט מיט דער ליכטיקייט פון געטלעכער פרייד. די ווייסע באָרד, ווי שניי, און די דינע כּמעט לופטיקע האָר פון זילבערנער פאַרב האָבן זיך בילדלעך צעשפּרייט איבער דער ברוסט און איבער די פאַלדן פון זיין רויטער ריזאַסע און אַראָפּגעפאַלן ביז צו די שטריק, וועלכע האָט אַרומגעגאַרטלט זיין אָרים מאָנאַכיש מלבּוש. נאָר מער פון אַלץ איז פאַר מיר דער־שטוינט געווען צו הערן אַזעלכע ווערטער און געדאַנקען וועגן קונסט, וועלכע איך בין מודה, וועלן לאַנג נאָך היטן אין דער נשמה, און איך וואָלט איניקסט פאַרלאַנגט. דאָס יעדער פון מיינע מיטברודער זאָל טון דאָס זעלבע.

„— איך האָב געוואַרט אויף דיר, זון מיינער, — האָט ער געזאָגט, ווען איך בין צו אים צוגעגאַנגען זיך געזעגענען. — דיר שטייט פאַר אַ וועג, איבער וועלכן עס וועט פון איצט אָן פליסן דיין לעבן, דיין וועג איז אַ ריינער — גיי נישט אַראָפּ פון אים. בּאַ דיר איז דאָ טאַלאַנט; טאַלאַנט איז אַ קאָסטבאַרע מתּנה פון גאָט — פאַרליר זי נישט. פאָרש, דערלערן אַלץ, וואָס דו זאָלסט נישט זעען, אונטערוואַרף אויך דיין פּענזל; נאָר קאָן אין אַלעם געפינען דעם אינערלעכן זין און מער פון אַלץ באַמי זיך צו באַגרייפן דאָס הויכע געהיימניש פון שאַפונג. געבענטשט איז דער אויסדערוויילטער, וואָס באַזיצט זי. עס איז בּאַ אים נישטאָ קיין נידעריקער געגנשטאַנד אין דער נאַטור. אין דעם ווערטלאָזן איז דער מאָלער־שעפער אויך אַזוי גרויס ווי אין דעם גרויסן; אין דעם פאַראַכטנדיקס איז בּאַ אים שוין נישטאָ קיין פאַראַכטנ־דיקס, ווייל עס שיינט דורך דורכדעם נישט זעבאָר די הערלעכע נשמה פונם שעפער, און דאָס פאַראַכטנדיקע האָט שוין באַקומען אַ הויכן אויסדרוק, ווייל עס איז דורכגעפלאָסן דורך דעם פילטער

פּין זיין נשמה... דער רמז וועגן געטלעכן, הימלישן גן-עדן אין איינגעשלאָסן פאַר דעם מענטש אין דער קונסט און צוליב דעם אַליין איז זי העכער פון אַלעם. און אויף וויפיל מאָל עס איז פייערלעכע די העכער פון יעדע וועלט-איפּרודערונג; אויף וויפיל מאָל די שאַפונג איז העכער ווי די צעשטערונג; אויף וויפיל מאָל דער מלאך פון ריינער אומשולד פון זיין העלער נשמה איז העכער פון אַלע אומצאָלבאַרע כוחות און שטאָלצע ליידנשאַפטן פון שטן, איז אויף אַזוי פיל מאָל העכער פון אַלעם, וואָס עס זאָל נישט זיין אויף דער וועלט, די הויכע שאַפונג פון דער קונסט. אַלץ ברענג איך פאַר אַ קרבן און באַקום זי ליב מיט דיין גאַנצער ליידנשאַפט: אָן איר איז אַ מענטש נישט בכוח צו דערהייבן זיך פון דער ערד און קאָן נישט דערוואַרטן די ווונדערלעכע קלאַנגען פון באַרויקונג; ווייל פאַר דער באַרויקונג און באַפרידיקונג פאַר אַלע שטייגט אַראָפּ אויף דער וועלט די הויכע שאַפונג פון קונסט. זי קאָן נישט איינפלאַנצן קיין מרידה אין דער נשמה, נאָר מיט אַ קלינגענדיקער תפילה שטראָמט זי אייביק צו גאָט. נאָר עס זענען פאַראַן מינוטן, פינצטערע מינוטן... — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און איך האָב באַמערקט, אַז עס האָט זיך פּלוצלינג פאַרכמורעט דער העלער שיין פון אים, ווי עס וואָלט אָנגעלאָפן אויף אים עפּעס אַ וואָלקן. — עס איז דאָ אַ פאַרגאַנגענהייט אין מיין לעבן, — האָט ער געזאָגט, — ביז היינט קאָן איך נישט פאַרשטיין, ווער איז געווען די מערקווירדיקע פיגור, פון וועלכע איך האָב געמאָלן אַ שילדערונג. דאָס איז געווען ווי עפּעס אַ טייוולשע דערשיינונג. איך ווייס, די וועלט לייקנט אָפּ די עקזיסטענץ פון טייוול און איבערדעם וועל איך פון אים נישט רעדן; נאָר איך וויל בלויז זאָגן, אַז איך האָב אים מיט עקל געמאָלן: איך האָב אין יענער צייט נישט געפילט קיין שום ליבע צו מיין אַרבעט. איך האָב זיך מיט געוואַלט געוואָלט אונטערוואַרפן און נשמהלאָז, באַטויבנדיק אַלץ, זיין טריי דער נאַטור. דאָס איז נישט געווען קיין שאַפונג פון דער קונסט, און דערפאַר איז דאָס געפיל, וואָס כאַפּט אַלע אַרום בעת מען קוקט

אויף אים, שוין אַ בגידיש געפיל, אַ שרעקלעך געפיל, נישט דורכגעפילט פון מאָלער, ווייל דער מאָלער אָטעמט אפילו בעת אַ טרעוואָגע מיט רויקייט. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דערדאָזיקער פאָרטרעט גייט אום פון האַנט צו האַנט און צעזייעט פייגלעכע איינדרוקן, פלאַנצט איין אין די מאָלער דאָס געפיל פון קנאה, פלאַנצט איין אין די מאָלער אַ פינצטערן האַס צום ברודער, אַ רשעותדיקן דורשט צו רודפן און אונטערדריקן. זאָל דיך דער אַלהעכסטער באַשירמען פון דידאָזיקע ליידנשאַפטן! עס איז נישט פאַראַן עפּעס שרעקלעכערס. בעסער אַליין איבערצוטראָגן דאָס גאַנצע ביטערקייט פון אַלע מעגלעכסטע רדיפות, איידער אַרויפצוטראָגן אויף וועמען עס זאָל נישט זיין אַ שאָטן פון רדיפה, ראַטעווע דאָס ריינקייט פון דיין נשמה. ווער עס האָט אין זיך איינגעשלאָסן אַ טאַלאַנט, דער דאַרף זיין ריינער פון אַלע מיט דער נשמה. אַן אַנדערן איז מען אַ סך זאַכן מוחל, נאָר אים איז מען נישט מוחל. אַ מענטש, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז אין אַ העל, יום־טובדיק מלבוש, באַדאַרף ער נאָר ווערן באַשפּריצט מיט איין קראַפּליע בלאָטע פון אונטער די רעדער, וועט שוין דער גאַנצער עולם אים אַרומרינגלען און ווייזן אויף אים מיט די פינגער און רעדן וועגן אומזויבערקייט, בעת ווען דער עולם באַמערקט נישט אַ סך פלעקן אויף אַנדערע דורכגייער, אָנגעטוענע אין וואָכעדיקע מלבושים, ווייל אויף די וואָכעדיקע מלבושים באַמערקט מען נישט קיין פלעקן.

„ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט און אומגעאַרעמט. קיינמאָל אין מיין לעבן בין איך נישט געווען אַזוי דערהויבן דערגרייסט, מיט יראת הכּבוד, מער ווי מיט דעם געפיל פון אַ זון, בין איך צוגעפאַלן צו זיין ברוסט און געקושט זיינע צעשיטע זילבערנע האָר. טרערן האָבן געגלאַנצט אין זיינע אויגן.

„— דערפיל, זון מיינער, מיין איינציקע בקשה, — האָט ער מיר געזאָגט שוין באַם סאַמע צעשיידן זיך. — עס קאָן מעגלעך זיין, דיר וועט זיך טרעפן צו זען ערגעץ־ווו דעמדאָזיקן פאָרטרעט, ווען וועלכן איך האָב דיר געזאָגט, — דו וועסט אים דער־

קענען פּלוצלינג נאָך די אויסטערלישע אויגן און זייער אומנאַטירלעכן אויסדרוק, — אין וואָס עס זאָל נישט גיין, פּאַרטיליק אים...

„איר קאָנט אַליין אורטיילן, צי האָב איך געקאָנט נישט צוזאָגן מיט אַ שבועה צו דערפילן אַזאַ בקשה. אין פאַרלויף פון גאַנצע פינפצען יאָר האָט זיך מיר נישט געטראָפן צו באַגעגענען גאָרנישט אַזעלכעס, וואָס זאָל כאָטש מיט עפּעס וואָס זיין ענלעך אויף דעם, וואָס מיין פאָטער האָט אָפּגעמשלט, ווי פּלוצלינג איצט אויף דער ליציטאַציע...”

דאָ האָט דער מאָלער, נישט ענדיקנדיק זיין רעדע, געווענדט די אויגן אויף דער וואַנט מיט דעם, כדי צו געבן נאָכאַמאָל אַ קוק אויף דעם פּאָרטרעט. די זעלבע באַוועגונג האָט אויך געמאַכט אין איין אויגנבליק די גאַנצע גרופּע צוהערער, זוכנדיק מיט די אויגן דעם אומגעוויינלעכן פּאָרטרעט. נאָר צו דער גרעסטער דערשטוינונג איז ער שוין אויף דער וואַנט נישט געווען. אַן אומדייטלעך גערעדעריי און גערויש איז דורכגעלאָפן איבער דער גאַנצער גרופּע. און באַלד דערנאָך האָבן זיך געלאָזט הערן קלאָרע ווערטער: „מען האָט אים צוגעגנבעט“. עס האָט עמעץ-ווער שוין באַוויזן אים אַראָפּצוציען, אויסנוצנדיק די אויפמערקזאַמקייט פון די צוהערער, וועלכע זענען געווען פאַרטון מיט דער דערציילונג. און לאַנג זענען אַלע אַנוועזנדע געבליבן אין דער אומאַנטשלאָסנקייט, נישט וויסנדיק, צי האָבן זיי ווירקלעך געזען די אומגעוויינלעכע אויגן, אָדער דאָס איז געווען, פּשוט, אַ פאַנטאַזיע, וואָס האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט נאָר אויף אַן אויגנבליק פאַר זייערע אויגן, וועלכע זענען געווען פאַרמאַטערט פון דעם לאַנגן באַטראַכטן די אַלטע בילדער.

סוף.